# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 12 (העפט 362) צוויי און צוואַנציקסטער יאָר דעצעמבער 1961 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

א י נ ה אַ ל ט :

לכבוד חנוכה תשכ״ב, „מי כמוך באלים ד׳״, די וואַנט אין בערלין,
אַ דאַנק אייך יידישע אַקטיאָרן־קינסטלער פון פוילן ..................... ** 1
דערקלערונג וועגן דער חשמונאים־געשיכטע (עסיי) ..................... י. ריכטיגער 5
יאַנקל בראַכיעס דער דרדקא מלמד — ביאַלע אירע אייגענאַרטיקע
טיפן (דערציילונג) ..................... משה בעקערמאַן 10
אותיות (פּאָעמס) ..................... יוסף לעפטוויטש 15
גייסט שפּאַצירן, מיט אַן איינציק בוך, ווען מענטשן ווערן עלטער
(דריי מיניאַטורן) ..................... ש. טענענבוים 15
דריי באַלאַדעס „החוט המשולש . . .״ 1) דער ב״ח און דער מגלה־עמיקות,
2) דער רבי ר׳ שמעלקע און דער לעמבערגער רב, 3) דער פּאָעט
זישע באַגיש. בין הזמנים (פּראָזע) ..................... א. נ. שטענצל 16
לאָנדאָנער קולטור ידיעות
יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס

פריינט פון יידיש לשון

גראַנדיעזער חנוכה באַל (טאַנץ און לאַטקעס) דריידלעך

חנוכה־ליכט צינדן חזן רעוו. שמואל ראטה

אין דער אלדער האל, אדלער סטריט, א.1.,

זונטיק, 3־טן דעצעמבער, 1961,

איינטריט 5 שילינג 6 פּעניס    אנפאנג, 7.30

פרייז 2 שילינג

אַבאָנאַמענט־פּרייז :—26 שילינג פאַר אַ יאָר

אין אויסלאַנד :—8 דאָלאַר אַ יאָר

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע :—

"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,
Collingwood Street, London, E.1. England

*Published and Edited by* A. N. Stencl, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press. 129-131 Cavell Sreet, London, E.1*

## צו אלחנן וואַגלערס באַזוך

צוזאַמען מיט די אָפּגעראַטעוועטע דיכטער פון „יינג ווילנא״, געהער אלחנן וואָגלער צו די געציילטע לעבעדיקע פּאָעטן מיט בלייבנדיקע נעמען אין אונזער דיכטונג. ער איז געבליבן שטעקן אין אייראָפּע, אין פּאַריז, איז דאָ אַ מעגלעכקייט ער זאָל פון צייט צו צייט באַזוכן אונזער ישוב. די טעג וואָס ער וויילט מיט אונז דיינען יום־טובדיקע. זאָגן מיר דעם חשובן גאַסט אַ פריילעכן ברוך הבא.

ש.

יידישער וועלט־קאָנגרעס (קולטור־אפטייל) און פאַריין פון
יידישע זשורנאַליסטן און ליטעראַטן אין ענגלאַנד
איר ווערט פאַרבעטן אויף א

ליטעראַרישן אוונט

לכבוד אונזער חשובן גאַסט, דעם באַקאַנטן דיכטער

א ל ח נ ן  ו ו א ג ל ע ר

זונטיק, 5׳טן נאָוועמבער, 1961, דריי אזייגער בייטאָג אין
קאָרא האָטעל, אפּער וואובאָרן פּליים, וו.ס.1.
Cora Hotel, Upper Woburn Place, W.C.1

אלחנן וואגלער וועט אויפן אוונט רעפערירן אד״ט: **משה קולבאַק — זיין לעבן און שאַפן** (25 יאָר נאָך דעם דיכטערס „פאַרשוואונדן״ ווערן)

ב אַ ג ר י ס ו נ ג ע ן :

י. הארענדארף — מ. זילבערבערג — י. א. ליסקי — יוסף פרענקעל

פ אַ ר ז י צ ע ר : **א. מ. קייזער**

— איינטריט פריי.

## מזל טוב

צו דער טאָכטער פונם שרייבער א. מייזל ע.ה., און די אַקטריסע קלאַראַ מייזל ע.ה. **רות מייזל** מיט **שאַרלס שניידער**, אונזער האַרציקן מזל־טוב.

„פריינט פון יידיש לשון״

## חבר מייקלס א בן שבעים

צום זיבציקסטן געבוירן יאָר פון חבר מייקלס, דעם סעקרעטאַר פון דער „פרייער אַרבעטער שטימע״־גרופּע ווינטשן מיר דעם בעל יובל נאָך לאַנגע געזונטע יאָרן אָנצוגיין מיט זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט.

לשון און לעבן

פריינט **ליפּע קאָרן** געפינט זיך אין יידישן שפּיטאָל, מיר ווינטשן אים א רפואה שלימה.

„פריינט פון יידיש לשון״

„ד י  א י ד י ש ע  ש ט י מ ע״

די איינציקע וואָכנצייטונג אין דער אידישער שפּראַך אין דעם לאַנד.

THE JEWISH VOICE LTD.

11-13 NEW ROAD, LONDON, E.1.    Phone: BIS. 9804

פנים אריין" דאָ אין טשעלאָדזש, ווי דער מורה הוראה פון שטעטל, און הערנדיק פון טאַטן זיינע פרומע התנהגותן, האט ער מורא געהאַט פאר אים. און הערנדיק אויך, אז די שיינע רביצין איז נישט הי, האָט אים שלמה פשוט נישט פאראינטערעסירט — „וישכחהו", זיך געמאַכט פאַרגעסן אין אים . . .

ווי אין דער מאַמעס צד זיינען די צימעס און צימעלעך דער משפחה־נאָמען, איז דער נאָמען שלמה אין שלמהלעך אין טאַטנס צד! שלמהלע גנב, דעם פעטער שעיה׳ס, דער טשענסטאָכאָווער טאַשן־ציער נישט ווייניקער באַרימטקייט אין שטאָט, ווי אַמאָל זיין זיידע, דער דיין, איז ביי מיר ממש געוואָרן לעגענדאַריש אין מיין קינד־צעשפילטער פאַנטאַזיע. און תמיד ווען דער טאַטע איז געקומען פון אַ נסיעה אין טשענסטאָכאָוו האָב איך אים נייגיריק ס׳ערשט געפרעגט: „האָסט געזען שלמהלען"? און כ׳האָב ממש געזען דעם טאַטנס הלצה־הנאהלע, ווי ס׳שמייכלט פאַרגנבעט, באַהאַלטן אין זיין ברייטער באָרד, פון מיין משפּחהדיקן מטעים זיין דאָס וואָרט „שלמהלען" . . .

אין דער פרי, ווען דער טאַטע איז אַרויפגעגאַנגען אין שטובל אַריין דאַווענען, און דורכן פענסטער געזען, אז שליאַמעק איז שוין האַלב אָנגעטון, האָט ער מיטן משפחה־שמייכל צו אים אַריינגערופן: „זאָל איך דיר באָרגן די רבינו תמ׳ס תפילין, אָדער וועסט שוין יוצא זיין בלויז מיט רש"י תפילין?" און שנעל נאָך צוגעגעבן: „דיינע הכנות וועלן דאָך נישט נעמען לאַנג . . . אין אַ האַלבע שעה קום איך צוריק אַראָפּ, וועלן מיר עסן אָנבייסן".

דרינען אין דער קיך האָט די מאַמע זיך שוין געפּאָרעט און געסמאַזשעט ביי די יאַשניצעס, ביי די „אָרעמע ריטער". דאס געפּרעגל און די פרישע פוטער־ריחות האָבן פאַרשמעקט דעם גאַנצן הויף און אַריין צו שליאַמעקן דורכן אָפענעם פענסטער, אז ער האָט זיך ווי אַ קאטער, כסדר געמוזט באַלעקן די תאוהדיק שמייכלדיקע ליפּן.

ער האָט געוואָלט טאַקע מאַכן „טואַלעט", אָבער ער האָט זיך דערמאָנט, אז זיינע טואַלעט־זאַכן האָט ער ליגן אין זיינע רייזע־טאַש ביים די רעקטאָר אויף דער סאַטורניע. אָבער ווי־שייך, עס וועט זיך דאָך אין דעם העק דאָ דאָך געפונען עפעס אַ מין ראַזורע. און פאר זיין פריילעכע צעטראָגנקייט, איז געווען, זיצן דאָ און וואַרטן א האַלבע שעה, ממש אַ טעמיןלאָזע תפיסה, האָט ער זיך אַרויסגעלאָזן דורכן טויער פון געסל אין מאַרק אַריין, מיט אַ זיך צופייפנדיק פאַרשטייט פויליש ניגודל פון עפעס אַ פויליש קאָמפלעטל.

ווי נאָר ער איז אַרויסגעקומען האָבן אים אַ בליץ געטון אין די אויגן אַריין די מעשענע טאַצן פון דעם חצי פעלדשער און חצי באַרבער, פון פרייבערגס „שערער־שטוב".

ער איז אַריין מיט אַ פריצישן „דזשען־דאָברי פאַן" און זיך ברייט אַנידערגעזעצט מיט זיין צעשטראַלט פריילעכע מאָרדע, ווי זי אַליין איצט וואָלט אָקאָרשט אראפּ נישט פון וואַרעמען קושן און פוכיקן יאַשיקל, נאָר פון דער מאַמעס פרעגלדיק־מילכיקער פאַטעלע, א לייכט־פאַרברוינלעכער צעגלאַנצטער — „ארעמער ריטער".

פרייבערג, דער שערער, אים אָנגעמענדיק, מיט זיין נחתדיק אויסזען, פאר

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 12 (העפט 362) צוויי און צוואַנציקסטער יאָר דעצעמבער 1961 לאָנדאָן

## לכבוד חנוכה תשכ"ב

עס מוזן די הענט ביז קויל ווערן פאַרברענט,
צו קענען באַשיצן דאָס פלעמל אין ווינט,
און דער שמשון, וואָס טראָגט דעם פאַקל פאָראויס,
מיט לעצטן שריט צום ציל דערטאַפּט ער זיך בלינד.

צו באַשיצן דעם לעצט־געבליבענעם פונק,
אַז נישט אויף אייביק פאַרלאָשן ווערט זיין שיין,
אז נישט צעטראָטן זיין גלימערדיקער זשאַר,
ווי געוואַלטיק די קופּע אַש מוז דאָס זיין.

פון האַנט צו האַנט דער פאַקל ווערט געטראָגן,
ביז אַליין שוין די לעצטע גלאָוונע מען איז!
ערגעץ ווו טליענדיק ליגן צו בלייבן,
פאָכן מיט אויסגייענדיקן אָטעם, ביז — — —

זע, לעצטע האָלאָוועשקע רייסט זיך אַרויס,
און וואָס ווילדער דער ווינט אַלץ ליכטיקער ווערט;
אַן אויפגעגאַנגען ליכט אין דער פינסטערניש,
גאַנץ צו באַשיינען שוין דעם שוואַרצן קויל ערד.

## „מי כמוך באלים ד'"

וואָס איז שוין אַ מדינהלע
ד' על ד' די ברייט?
אָבער מקוים געוואָרן,
פון די נביאים די רייד.

וואָסער ווערט אַ מלוכהלע,
אַרום דער שונא שטייט גרייט?
אָבער מקוים געוואָרן
פון די נביאים די רייד.

און אַז מיר, דער שאָף צווישן וועלף,
זיך דערוואַרט צו זיין באַפרייט!
אַ סימן מקוים ווערן,
פון די נביאים די רייד.

דערפאַר מסתמא געוואָרן,
אויף דער גאָרער וועלט צעשפּרייט,
אז מקוים ס׳זאָלן ווערן,
פון די נביאים די רייד.

„ומלאה הארץ דעה"!
די גאָט־זריעה אויסגעזייט,
צו זעטיקן אַלע מענטשן — —
פון די נביאים די רייד.

און אויב די תבואה פאַרשניטן,
ווען עס קומט די זשניווע צייט — —
בלויז מקוים ס׳מוזן ווערן,
פון די נביאים די רייד.

נישט נאָר טרערן בלויז, וויפיל בלוט
ביז אַזאַ זוימען אויפגייט!
נישט פון די ליפּן — פון האַרץ־דנא,
פון די נביאים די רייד.

אָ, „מי כמוך באלים . . .“
דאָס לעבן וואָסער באַדייט,
אויב נישט אייביק און געהייליקט,
פון די נביאים די רייד?

## די מויער אין בערלין

ווי אין גלאָז־קאַסטן אייכמאַן,
חוצפּהדיק ער איז געזעסן,
אַזוי ווילט איר זיך זיצן,
און אַלץ וואָס געטון פאַרגעסן.

אייער חוצפּהדיק געשריי:
„ווענט אַרום בערלין אויפשטעלן?!“
און די געטאָ־ווענט דעמלט,
אפנים, אייך יאָ געפעלן? . . .

אין ישראל, אונזער לענדל,
קאָנט איר נאָך מאַכן געשעפטן —
גאָט׳ס שאַרפע האַק צו טראָגן
האָבן מ׳מוז גרויזאַמע קרעפטן —

מען מויערט שוין די וואַנט אויף, —
דעם „מנע תקל“ אויפצושרייבן,
אַז ס׳זאָל פון אייער חוצפּה,
קיין עוקץ נישט איבערבלייבן.

אַ מערדער עוקר צו זיין,
אויף די תלויה אים צו ברענגען,
איז זיך נישט אַ מנורה,
אויףביישטידל אויפצוהענגען —

ס׳איז זיך נישט קיין „גוטמאַכונג“,
— ביידע צדדים צו געפעלן!
נו, מויערט מען איצט די וואַנט,
רוצחים צום ווענטל צו שטעלן.

## א דאנק אייך יידישע אקטיארן-קינסטלער פון פוילן

אַז אַלץ וואָס איצט געשעט איז רק נאָר פּאָליטיק, דאָס ווייסן שוין מיט זייער אויסגעפּרוווטן חוש, נישט נאָר די אַלטע אונטערן אויוון, נאָר מיט זייער מוטער־מילך אינסטינקט זייגן דאָס אין זיך שוין אייך די קינדער אין די וויגן — איין פּאַראַד אַזאַ פון דער וויג ביז אין קבר! צי וואָס פּליט מען צו דער לבנה? כדי צו באַווייזן די טעכנישע איבערגעוויכט! און וואָסער קנאַל־עפעקט אַ 50־אַ 100 מיליאָן פּודיקע באָמבע!! און וואָס איז די גאַנצע רעליגיע בזמן הזה ביי די „מנהיגים“ און ביי־נעז־אַרומגעפירטע? און מיט קינסט „מאַכט מען“ דיפּלאָמאַטישע טריקס — אַ דרייענדיקע בינע מיט שוואַרץ־קינסטלער, מיט נאַקעטע פּיסלעך, שוין אָן זיידענע הענטשקעס אפילו און אָן ביילאָן־זאָקן . . . און אַז די פּוילישע מלוכה האָלט אויס אויף אירע קעסט און קאָסטן אַ יידיש קונסט־טעאַטער, ווייסט זי מסתם, גאָר וווּיל און גוט, וואָס זי טוט . . .

און איצט, אין דער שווערער פּאָליטישער קריזע פון מזרח־און מערב בערלין, פון נייסע און אָדער, — מ׳רעדט צו דער שוויגער און מ׳מיינט די שניר! — אַז די פּוילישע מלוכה האָט איר יידיש טעאַטער אַרויסגעשיקט אין „איר שליחות“ קיין לאָנדאָן האָבן יידישע „טעאַטער“־פּאַטריאָטן און קאָלום־קינסט מבינים כשר דערוואַרט, אַז מ׳זאָל לאָנדאָנער יידן קיצלען אונטער די



פּאַכוועס, קיזשלען אונטער די פּיאַטעס, מ׳האָט שוין אפילו אונטערגעשטעלט די פּלייצעס אונטער די בעזעמלעך . . . קומט גאָר צו גיין אידא קאַמינסקי מיט אַ סימבאָליש־רעאַליסטישע, מיסטיש געשליירטע „שמאלץ“־מאַכערייקע: „ביימער שטאַרבן שטייענדיק“ — שומו שמים!!

אמת, אויף וויפיל אין ענגלאַנד איז נאָך „געלד—צייט“, אויף אַזויפיל ס׳איז שוין אונטערן אייזערנעם פאָרהאַנג „וויסן — מאַכט“, אָבער פּונקט ווי דער עק־זאַקטער וויסנשאַפטלער אין אונזער צייט ווייסט האָר גענוי זיין פאָרמולא פאַר זיין כעמיש־פיזישע־מישונג, אַזוי האָר גענוי, מיטן פּינטעלע און מיטן „קאָמאַ“ שרייבן און ריידן אַרויס די קרעאַטיווע קונסטלער אין אונזער צייט דעם שם־המפורש אין ריכטיקן מאָמענט און מיטן פּינקטלעכן אַקצענט.

און דאָס וואָס די ווילנער טרופּע, מיכאלס־און שוואַרצס קינסט־טעאַטערס און די כל המינים מינסקער־וואַרשעווער, פאָלקס און עקספּערימענט טעאַ־טער׳ס איז געווען אין יידישן דור־דעה צווישן ביידע וועלט מלחמות, איז היינט — אין אונזער קריזיס גערטאַנגל צוריק אויפצוואַכן מיט יידישלעכן לעבן! —דאָס אידא קאַמינסקי־טעאַטער. די גרויסע טאָכטער, פון איר נאָך גרעסערע מוטער, די „מאַמע פון יידישן טעאַטער, אסתר רחל קאַמינסקי, היט ערלעך אָפּ די ירושה און פירט פרום אויס איר שליחות. זי, די קינסטלערין, ווייסט: עס דיבוקט נישט מער אויף דער יידישער גאַסט, ס׳יאָשעט נישט מער קיין קעלבערנע התפּעלות, אפשר וואַרט נאָך ווו אַ מנחם מענדל אויף אַ גרויס־געווינס — מילא זאָל ער זיך געזונטערהייט וואַרטן! אידא קאַמינסקי איז אַ קינסטלעריש אַקטיווער כוח פון אונזער צייט און קוקט דעם לעבן גלייך אין פּנים אַריין.

ניין, אידא קאַמינסקי איז נישט געקומען אונז צו ווייזן גאָלדפאַדאַנס און שלום עליכמס אָפּגעלעבטע שאַרזשירטע טיפּן; זיי זיינען, איר און אונז, צו הייליק, אַז זיי זאָלן פון די מאַסן־קברים־אונטער־קוליסן אַרויסגענומען, אָפּ־געשטויבט צו ווערן, ווי מאַדאַם־טוסו־פיגורן און אַרויפגעשטעלט ווערן אויף די טעאַטער־ברעטער, אַז מיר זאָלן זיצן און לאַכן ביז אין טרערן אַרויסצו־פּלאַצן, צי אפילו דורך גרויסע קראָקאָדיל־טרערן, — ווי דורך מאַנאָקלען! — זיין באַוווּנדערן . . .

יאָ, אידא קאַמינסקי איז אַ יידישע אַקטריסע און זי וויל באַווייזן, אַז יידישע קינסט, יידיש שאַפן באַנייט זיך מיט די דורות, איינגעוואָרצלט לעבן טראָגט פּירות, און זוימען אין די פרוכט צוריק איינגעוואָרצלט צו ווערן.

און אין גאָמולקא פּוילן, ביי סאָציאַליסטישע מעגלעכקייטן, ווו די נייע פאָלקס־מלוכה פילט אַ געוויסן חוב צו דעם ביסל געבליבענע בירגער, פאַר אַ טויזנט יאָריק ערלעכן ירושה דינסט, און וויל די ווייניק געבליבענע יורשים ערלעך צוריק אָפּדינען אויף וויפיל כאָטש עס איז — נוצט זי, אידא קאַמינסקי, אויס 100 פּראָצענטיק דעם שאַנס, נאָך די געגעבענע מעגלעכקייט און נאָך די פאַראַגענע כוחות — קונסט איז אינערלעכע עבודה, לפני־ולפנים.

יאָ, „ביימער שטאַרבן שטייענדיק“! מיט דעם פּאָעטיש־סימבאָלישן שטיק האָט זי איר רעפּערטואַר אָנגעהויבן אין לאָנדאָנער „פּרינצעס טעאַטער“ און ווי

קעניגלעך האָט זי געשפּילט. יאָ, די באַבעשי־פּיקציע וויל זי קינסטלעריש גלויביק מאַכן, תמימותדיק־מיסטיש — דאָס מאַמע־מאָטיוו דורותדיק פאַרטיפן.

יאָ, אויב מיר, דער מאָדערנער, נאָך גלויביקער און זיכנדיקער מענטש זאָל שוין פאַרלירן, חלילה, די אמונה אין דער קונסט, זיינען שוין פאַרלוירן מיט אים אַלע מענטשן. דעמלט איז נישט בלויז די קינסט בלאָף, נאָר די גאַנצע טעכניק איז נאָר אַ לעצטער קנאַל־עפעקט און אַלץ האָט באמת די ווערט אונטערצוגיין מיט איין שאָס.

און מיט דעם נייעם שעפערישן צוגאַנג אויף אַ יידישלעכן אופן געפינט די קונסטלערין דעם שם־המפורש, דאָס אַלטע לעבעדיק צו באַנייען און גלויביק עס צוגעשטאָלטן.

און מיר דאָ, דער יידישלעך גלויביקער מענטש, דער נאָך קונסט־פאַרליבטער, האָט אין דעם נייעם שפּילן מיט פרייד דערפילט און אַרטיסטיש־מיטדערלעבט, אז יידיש טעאָטער איז נישט נאָר נאַציאָנאַל ניצלעך — אָדער חלילה שוין אינגאַנצן אַראָפּגעניִדערט, צו זיין אַ מין שוויצט־באָד, אַ פלייצע אונטערצושטעלן; אַ באַזאר טויטע הינער און קנאָבל־וואורשטן אויסצופלעטן אין די פּאָזעס, און די שפּילנדיקע אַקטן זיינען די שמייסנדיקע בעזעמלעך קיצלדיק אונטערצופּיצקען . . . אַז אַך און וויי צו וואָסער מדריגה נעבעך יידישע קינסטלער האָבן שוין דערגרייכט אין דער דעמאָקראַטישער ק.ק. לאָנדאָן.

די 21 אַרטיסטן, די גאַסטראָלירנדיקע מיטגלידער פון פּרעמינענטן יידישן מלוכה־טעאָטער אין פּוילן, זיינען נישט נאָר גוט־צונויפגעשטעלט אין איין צוזאַם־שפּילנדיקע טרופּע פון אָבגעריסענע, על־פּי־נס געבליבענע פון די אַמאָליקע ווילנער, מאָסקווער, מינסקער, וואַרשעווער קינסט־טעאַטער, און אפילו נאָך פון לעמבערגער גימפּל־טעאַטער. יעדער פון זיי איז אַ לעבעדיקע גאַנצקייט, ווייל יעדער פון זיי לעבט מיט אַ שליחות, איז אַ בת־קול פון דיין אומגעקומען מקום מיט לעבעדיקע יידן. דעם מינדסטן טיפּ, וואָס דער מינדסטער פון זיי באַווייזט, איז אַ טיפּישער אויסדריק פון זיין אייגנאַרטיקן יידיש־פּוילישן ישוב, פון זיין ליטווישן אָדער גאַליצישן שטעטל.

אין אַ טראָפּן פון ים קאָן מען דערזען גאַנצן ים, אזוי קאָן אין איין טיפּ דערזען די גאַנצע טיפּישע געגנד.

ווי באַמיט זיך דאָגים אין זיינע נעבן־און גרופּן געשטאַלטן אַרויסצובאַקומען אין זשאַמקע די ערלעכקייט פון אַן עמך־ייד אויפן ווילנער שול־הויף און אין זיין זאַזולאַ — די גאַנצע זלידנע איינגעגעסנקייט פון אַ ליטווישן פּויער, אַ גויאישן חכם, אַ כאַם. זיין גאַנץ לייב און לעבן לייגט ניסנצווייג אַריין אין זיין נעבן־טיפּ, עזואל, דעם בית־הקברות גרעבער. און מרים לאַנצמאַנ׳ס, דאָבריש, קומט זי נישט אַן מיט אירע פעקלעך מיט דער קעלצער־באַן, פון מלך־אביונס־גיטער, דירעקט אַזש פון ק״ק פּינטשעוו, י.ב.ע.א. און אין רידינסקי׳ס חברה קדושה גבאי, ווײנט דען נישט גאַנץ לעמבערג, ווי עס לאַכט גאַנץ גראָקע אין לאַטאָוויטשס, פּרויקע? מ׳ברויך אים נאָר זען דאָס פּיסל אַ הויב טון, ווילט זיך לאַכן און וויינען ווי אין קראָקע און לעמבערג אינאיינעם.



עס איז אָן שום ספק, אז די שטאַרקסטע זאַך וואָס די טרופּע האָט דאָ אויפגעפירט איז געווען דער „סענדער בלאַנק" — עס איז שלום־עליכם הומאָר פלוס ראָטבאום־פּריציסקייט! דער „ונתנה תוקף"־מאָמענט פון מעלמאַן מיט כאַשגראָדנער זיינען אַ גאָר גרויסע דערגרייכונג אין דער יידישער בינע־קינסט.

ביזגאַנ׳ס אָסיפּ איז גרויס־פאַרמנדיקע קלאַסישע טעאַטער־קרעאַציע אין יעדן מאָמענט ווען ער שטייט אויף דער בינע. און אויב דר. סלאָוועס׳ „ברוך פון אַמסטערדאַם" שטייט אויף דער מומע וואָס אידא קאַמינסקי אַרבעט געוואַלטיק אויס, איז מעלמאַן דווקא גרויס אין זיין שטילקייט. גבריאל אין זיין שפּילנדיקער שלימות, וועקט ביי אונז שיעור נישט סימפּאַטיע צו זיין נעגאַטיוון טיפּ . . . רייסקי האָט עס נעבעך זייער שווער אין אַלע זיינע קרעאַציעס, ווייל אַלע פּאזיטיווע כאַראַקטער טיפּן האָט מען אַרויפגעלייגט אויף זיינע פלייצעס. און ווער, משכמו ולמעלה, קאָן אַזאַ קעניגלעכן כאַראַקטער, ווי אַ שפּינאָזע אויסטראָגן. דערפאַר לעבט ער מיט די ביינער אין סענדער בלאַנק.

אַלע דריי פרויען, די סעקרעטאַרין, מרים, גאָלדע פון מאַדאַם שילער, זיינען אָן חבלי־לידה־ווייען לעבעדיקן אויסגעטראָגן געוואָרן, דער חן פון א פּול־בלוטיקע מאַמע ליגט אויף זיי. און צי קאָן מען דען פאַרגעסן די צוויי רות ק׳ס, קאַמינסקי און קאָוואַלסקי, די ערשטע מיט איר חן־גריבלדיק שמייכעלע, און די צווייטע מיט דעם רשעותדיק צוגעוואָרפענעם סאָניאַ־בליק.

שווייליך, לערכנער, לאַנצמאַן, די פרידמאַנ׳ס, סקאַשעווסקי און קאוט, גאָר פיינע און נאַטירלעכע שלום־עליכם טיפּן מיט לייב און לעבן אַריינגעוואַקסן, יעדער אין זיין ראָלע — עס איז דער ציל־אויסדויער און די כסדרדיקע שולונג, וואָס מאַכט די טרופּע פאַר איין גאַנצקייט, אפילו ווי עס פילט זיך שוין אַמאָל טענדענץ, ראַטעוועט די ציל־באַוווסט קינסטלערישקייט — די יידישלעכע גאַנצקייט.

מיין עקסטרע דאַנק, פאַר דעם סצילִיזירטן סענדער בלאַנק, נישט ווייל עס גראַמט זיך מיר אַזוי נאַטירלעך, נאָר ווייל עס די מינוטע־שלימות פון א טאַנצדיקן צוזאַמען־שפּילן: עס עפענט זיך אַ קונסט־קעסטעלע און שפּילט אויס אָן אַלטן ניגון אין זיין גאַנצער זיסער האַרבקייט . . .

## י. ריכטיגער

## דערקלערונג וועגן דער חשמונאים געשיכטע

לויט די ווערטערליכע איבערזעצונג פון דער לויב־תפלה לכבוד חנוכה — „בימי מתתיהו בן יוחנן כהן גדול חשמונאי ובניו" — דאַרף מען אננעמען, אז מתתיהו איז געווען א זון פון יוחנן כהן גדול דער חשמונאי. אבער די פּרטים וועגן יוחנן דער פאטער פון מתתיהו געפינען זיך ניט אין היסטארישן רעקארד פון יענער צייט, אחוץ דעם זענען זיי אין סתירה מיט אנדערע מאמרים פון די תלמודים. אין ספר חשמונאים שטייט — „בימים ההם היה כהן בישראל ושמו מתתיהו בן יוחנן בן שמעון מבני יהויריב" — אין די טעג, ווען דער מלכות יון הרשעה האט געצווינגען דאס יידישע פאלק צו פארשוועכן

די תורה, איז געווען א כהן אין ישראל מיטן נאמען מתתיהו א זון פון יוחנן און אן אייניקל פון שמעון, פון דער כהנים משפחה יהויריב. (חשמונאים־א. ב׳) ווי מען זעט ווערט אין דער געשיכטע ניט דערמאנט אז יוחנן, דער פאטער פון מתתיהו, איז געווען א כהן גדול אדער אז מען האט אים אנגערופן חשמונאי, און וואס דער שרייבער פון די געשיכטע פארצייכענט, אז זיי האבן געשטאמט פון דער כהנים משפחה יהויריב, איז אן אבסאלוטער באווייז דאס יוחנן, דער פאטער פון מתתיהו, האט ניט געקאנט האבן געווען א כהן גדול.

אין דברי הימים געפינט מען, אז דוד המלך האט מיט א גורל פעסטגעזעצט די ריי פון די כהנים משפחות, וואס זאלן טוען די עבודה אין בית המקדש, — „ויצא הגורל הראשון ליהויריב לידעיה השני״: איז ארויסגעקומען פון גורל אז די כהנים משפחה יהויריב זאל זיין די ערשטע, די כהנים משפחה ידעיה — די צווייטע און אזוי ווייטער. (דברי הימים־א. ד׳) דאס זעט אויס צו האבן געווען דער סדר די גאנצע צייט פון ערשטן בית המקדש, אבער ווען די יידן זענען צוריק געקומען פון גלות בבל איז דער אלטער סדר פארענדערט געווארן. די כהנים משפחה ידעיה איז אויפגעגאנגען נאך ירושלים מיט דעם מנהיג זרובבל, און די כהנים משפחה יהויריב איז געבליבן אין בבל. זאגט די גמרא — „וכן התנו נביאים שביניהם שאפילו יהויריב ראש משמרת עולה לא ידחה ידעיה ממקומו, אלא ידעיה עיקר ויהויריב טפל לו״: אזוי האבן אויסגערעדט די נביאים פון צווישן די צוריק געקומענע, אז אפילו די כהנים משפחה יהויריב וועט אויפגיין קיין ירושלים זאל זי ניט אוועקשטויסן ידעיה און צוריק קריגן דעם ערשט פלאץ אין דער ריי, נאר ידעיה זאל בלייבן אויפן ערשטן פלאץ און יהויריב אויפן לעצטן, זי זאל זיין א צוגאב צו דער כהנים משפחה ידעיה. (תענית כ״ז און רש״י).

אויסער דעם, וואס די כהנים משפחה יהויריב האט פארלוירן דעם ערשטן פלאץ אין דער ריי פון די כהנים משפחות צו טוען די עבודה אין בית המקדש, האט זי אויך אנגעווירן דעם זכות צו דער כהונה גדולה, פון איר משפחה איז קיינער ניט מער געווארן כהן גדול, ווייל זי האט ניט זיך אומגעקערט קיין ירושלים אין דער צייט פון זרובבל, ווי מען געפינט דאס וועגן עזרא הסופר. אויף דער קשיא, פארוואס איז יהושע בן יהוצדק, אן אייניקל פון שריה — דער לעצטער כהן גדול פון ערשטן בית המקדש, געבליבן כהן גדול ווען עזרא הסופר איז צוריק געקומען קיין ירושלים, עזרא הסופר איז דאך געווען א זון פון שריה? ענטפערט רש״י: ווייל יהושע בן יהוצדק האט צוריק געקערט אין דער צייט פון זרובבל און עזרא הסופר איז צוריק געקומען פיל יארן שפעטער. דערפון האט מען אן אבסאלוטן באווייז אז די כהנים משפחה יהויריב איז אויך געפסלט געווארן פון דער כהונה גדולה און דערפאר האט יוחנן, דער פאטער פון מתתיהו, ניט געקאנט האבן געווען כהן גדול. (דברי הימים־א. ה׳).

מען מוז דעריבער פארטייטשן די לויב־תפלה לכבוד חנוכה — „בימי מתתיהו בן יוחנן כהן גדול״: מתתיהו כהן גדול דער זון פון יוחנן, דאס הייסט:



מתתיהו איז געווען כהן גדול, ניט זיין פאטער יוחנן. אז אזוי איז דער סיגנון פון העברעאישן לשון געפינט מען אין א רש״י, אויף דער פראגע פארוואס זאגט דער נביא חגי — יהושע בן יהוצדק הכהן הגדול, יהוצדק איז דאך פארטריבן געווארן פון ירושלים מיטן גלות יכניה יונגערהייט ווען ער האט ניט געקאנט האבן געווען כהן גדול? ענטפערט רש״י אז דער טערמין כהן גדול איז געזאגט געווארן אויף יהושע, ניט אויף זיין פאטער יהוצדק. נאך דייטלעכער זעט מען דאס פון דעם וואס דער ריטב״א פארענטפערט דיזעלבע־קשיא וועגן יהושע בן יהוצדק, ער באווייזט אז אזוי איז דער סיגנון פון העברעישן לשון מיט דעם וואס עס שטייט „דוד בן ישי מלך ישראל״, ישי איז דאך קיינמאל ניט געווען א מלך ישראל, נאר דער טיטעל מלך ישראל גייט ארויף אויף דודן, דאס הייסט: דוד מלך ישראל דער זון פון ישי. (דברי הימים־א. ה׳ רש״י און עין יעקב יומא ט׳ הריטב״א) אז לויט דער מסורה איז מתתיהו טאקי געווען כהן גדול געפינט מען אין דער גמרא — „שהעמדתי להם שמעון הצדיק וחשמונאי ובניו ומתתיהו כהן גדול״: אין דער צייט פון די יונים האב איך אויפגעשטעלט שמעון הצדיק, דעם חשמונאי און קינדער, און מתתיהו כהן גדול. (מגילה י״א).

מתתיהו דער זון פון יוחנן און אן אייניקל פון שמעון איז געווען דער ערשטער פון דער כהנים משפחה יהויריב וואס האט באקומען דעם פאסטן פון כהן גדול. אין די הונדערט און עטלעכע פירציק יאר וואס ארץ ישראל איז געווען אונטער דער ממשלה פון יון האט זיך די גריכישע שפראך, וויסענשאפט און רעליגיע זער שטארק איינגעבירגערט ביים יידישן פאלק. די תורה איז איבערגעזעצט געווארן אין גריכיש, מען האט געלערנט מיט די קינדער יונישע וויסענשאפט און געברענגט קרבנות צו די גריכישע געטער. (מגילה ט׳, בבא קמא פ״ב, מדות פ״א מ״ו) קיינער האט זיך ניט א קעגנגעשטעלט דעם אסימילאציע שטראם, אפילו די כהנים פון דער משפחה ידעיה און הויז צדוק, וואס פון זיי האט מען זינט שלמה המלך אויסגעוויילט די כהנים גדולים און זיי האבן שטענדיק אפגעהיטן דאס יידישע פאלק פון פארבלאנדזשען אין פרעמדע וועגן, (מלכים־א. ב׳־ל״ה, יחזקאל מ״ד און תענית כ״ז) זענען אויך מיטגעשלעפט געווארן פון דעם אסימילאציע שטראם. דער גורם דערצו איז געווען, וואס זיי האבן געלעבט מיט גריכישע פרויען און געגעבן זייערע טעכטער צו גריכישע מענער. (סוכה נ״ו) דאס איז דעמאלט ניט געווען קיין עבירה, ווייל די יונים האבן ניט אנגעהערט צו די זיבן כנענישע פעלקער און אויך ניט צו די דריי חוץ לארצדיקע: מצרים עמון און מואב מיט וועלכע תורת משה האט פארבאטן זיך מתחתן צו זיין.

א סוף איז געקומען צו דער קריטישער לאגע אין יידישן לעבענסשטייגער, בעת אנטיאכוס עפיפאנוס — דער מלכות יון הרשעה — האט אין די לעצטע יארן פון דער יונישער וועלט העגעמאניע, ארויפגעצווינגען די העלעניסטישע קולטור אויף אלע אונטערטעניקע פעלקער, כדי צו שאפן א פאראייניקטן פראנט קעגן דער רוימישער אינוואזיע אין מיטעלעם מזרח, און אין איינשטימיקייט דערמיט געוואלט אפשמדן די נאך ניט אסימילירטע יידן. די אולטרא פרומע

יידן האבן זיך געלאזט פארברענען לעבעדיקער־הייט מיט זייערע ווייבער און קינדער און ניט געשטעלט קיין ווידערשטאנד, כדי זיי זאלן ניט דארפן מחלל שבת זיין. (חשמונאים־א. ב׳־מ״ג) אבער מיט זייער אומקום האבן זיי ניט געראטעוועט דעם יידישן לעבענסשטייגער, נאר להיפוך, אים צוגעהאלפן פאר־ניכטן. די ישועה איז געקומען א דאנק דעם אויפשטאנד פון מתתיהו און זיינע פינף זין — די כהנים פון דער משפחה יהויריב און מעגלעך פון הויז אביתר, ביי וועלכע מען האט שוין אין דער צייט פון שלמה המלך געהאט צוגענומען די רעכט צו ווערן כהנים גדולים, (מלכים־א. ב׳־כ״ז און ירושלמי סוכה פ״ד ה״ת) און בעתן צווייטן בית המקדש דעגראדירט צום נידעריקסטן פלאץ פון דער כהונה. (תענית כ״ז) ווייל זיי זענען ניט אויפגעגאנגען קיין ירושלים אין דער צייט פון זרובבל.

ווען די יונישע אויפזעער זענען געקומען אין דארף מודעים, וואו מתתיהו מיט זיינע זין האבן געוווינט, און געדראעט מתתיהון מיטן טויט אויב ער וועט ניט מקריב זיין א קרבן צו די גריכישע געטער, האט מתתיהו ארויסגעריסן די שווערד פון באצווינגערס האנט און אים דערשטאכן. דערמיט זענען מתתיהו און זיינע זין געווארן די מנהיגים פון אויפשטאנד קעגן די יונים און האבן איבערגענומען די כהונה גדולה. האבענדיק אין זינען די צוקונפט פון פאלק, דער אסימילאציע פראצעס זאל זיך ניט איבערחזרן אויב ארץ ישראל וועט ווידער אמאל זיין אונטער פרעמדער הערשאפט, האט מתתיהו צונויפגעשטעלט א בית דין אונטער זיין פירערשאפט, וואס זאל ארויסגעבן נייע תקנות און איינע פון די גזרות איז געווען, אז מען מעג ניט לעבן מיט א ניט יידישער פרוי אפילו זי געהערט ניט צו די פעלקער וועלכע תורת משה האט פארבאטן דעם יידישן פאלק זיך משדך צו זיין מיט זיי. (יבמות ע״ו „תוספות ישנים און עבודה זרה ל״ו תוספות״ משום נשג״ז). די עקסטרעמע סעקטן פון יידישן פאלק האבן אבער ניט געוואלט אננעמען די נייע גזרה פון מתתיהו׳ס בית דין. די אסימילירטע צדוקים — ווייל אסימילאציע איז געווען זייער וועלט באנעם און די פרומע בית איסים — ווייל לויט זיי האט דער בית דין מיט דער גזרה געזוכט צו פסלן די כהנים משפחה ידעיה — פון הויז צדוק, וואס זענען באשטימט געווארן פון די ערשטע און לעצטע נביאים צו זיין די כהנים גדולים אויף אייביק. (מלכים־א. ב׳ און יחזקאל מ״ד) ביידע סעקטן האבן חושד געווען מתתיהו׳ס בית דין, אז זיי האבן פארפאסט די גזרה כדי זייער משפחה — די משפחה פון יהויריב זאל קאנען פארכאפן די כהונה גדולה. אן אפקלאנג פון דער באשולדיקונג געפינט זיך אין דער גמרא — „משפחה אחת רחקה בן ציון בזרוע מפני שפסולין היו, ועוד אחרת קרבה בן ציון בזרוע מפני שכשרים היו״: איין משפחה האט בן ציון דערווייטערט מיט געוואלד ווייל זיי האבן געלעבט מיט ניט־יידישע פרויען און אן אנדערע משפחה האט ער דערנענטערט מיט געוואלד ווייל זיי האבן געלעבט מיט יידישע פרויען. (עדיות פ״ח, קידושין ס״ט) דעריבער ווען דער אראפגעזעצטער כהן גדול — דער אפאסטאט אליקים איז עטליכע יאר נאך מתתיהו׳ס טויט צוריק געקומען קיין ארץ ישראל מיט



א גרויסער יונישער ארמיי, כדי צו אונטערדריקן דעם אויפשטאנד פון יהודה המכבי און זיינע ברידער, זענען די דאמאלטיקע סופרים און חסידים איבערגע־לאפן אויף שונאס זייט, ווייל לויט זיי איז אליקים געווען דער אמתר כהן גדול, וואס האט אפגעשטאמט פון אהרן הכהן, ניט מתתיהו מיט זיינע קינדער. (חשמו־נאים־א. ז׳־י״ג ביז י״ז).

א גיפטיקער שנאת חנם האט פאראייניקט די צדוקים און ביתאיסים אין זייער קאמף קעגן מתתיהו און זיינע זין. פינף און צוואנציק יאר איז די משפחה פון מתתיהו געווען פארוויקעלט אין כסדרדיקע מלחמות מיט די יונים כדי צו באפרייען דאס יידישע פאלק. מתתיהו אליין איז געשטארבן אויף זיין בעט, אבער פיר פון זיינע זין זענען אומגעקומען אויפן שלאכטפעלד. דאך האט דאס, וואס זיי האבן אוועקגעגעבן זייער לעבן פארן לעבנסשטייגער פון זייער פאלק, ניט פארמינדערט די שנאה צו זייער משפחה פון די צוויי סעקטן. ערשט אין דער צייט פון שמעון, דער לעצטער זון פון מתתיהו איז פארגעקומען א פארענדערונג, ווי עס איז פארשריבן אין ספר חשמונאים. „נאכן איינגעמען די פעסטונג, וואס די יונים האבן געהאט אויפגעבויעט אין ירושלים און באד־ראעט דעם בית המקדש קנאפע דרייסיק יאר, איז געווארן רואיק אין לאנד יהודה. שמעון האט גוט באהאנדעלט זיין פאלק, זיין ממשלה איז געווען באוויליקט און ער פארערט זיין גאנצן לעבן... יעדער האט געאקערט זיין פעלד אין פרידן און די ערד האט געגעבן פרוכטן און תבואה געגוג. אלטע זענען געזעסן אין די גאסן ריידענדיק וועגן דער שפע פון לאנד, און די יוגענט האבן זיך אנגעקליידט מיליטערישע קליידער און זיך באוואפענט מיט כלי־מלחמה. רואיקייט און זיכערקייט האט געהערשט אין לאנד און דאס הויז ישראל איז געווען לוסטיק און פריילעך. יעדער איז געזעסן אונטער זיין ווייגבוים און פייגנבוים און פאר קיינעם ניט קיין מורא געהאט. האט דאס פאלק באשלאסן אויסצוקריצן אלע געשעענישן אויף קופערנע טאוולען און זיי באהעפטן צו זיילן אויפן הר ציון. זיי האבן געשריבן אויף די טאוולען: מען זאל דאס לאזן וויסן איבער די גאנצע וועלט, אז זער פיל מלחמות זענען געווען אין אונזער לאנד. איז אויפגעשטאנען שמעון דער זון פון מתתיהו פון דער כהנים משפחה יהויריב מיט זיינע ברידער, זיי האבן מקריב געווען זייער לעבן און זיך א קעגנגעשטעלט די שונאים פון פאלק, כדי די תורה פון גאט און זיין בית המקדש זאל ניט צעשטערט ווערן . . . ווען די כהנים און דאס פאלק געהערט אז שמעון האט געשלאסן א בונד מיט רוים און דער רוימישער סענאט האט אויפגענומען מיט ערע און אנזען די שלוחים פון יידישן פאלק, האבן זיי איינגעשטימט אז שמעון זאל זיין זייער נשיא און כהן גדול ביז עס וועט אויפשטיין א נביא אמת אין ישראל... און שמעון האט אנגענומען צו זיין דער עלטסטער פון די כהנים און נשיא איבערן גאנצן פאלק ישראל״... זינט דאמאלט איז אין אלע בריוו, וואס די פעלקער האבן געשריבן צום יידישן פאלק, שמעון אנגערופן געווארן „ראש הכהנים״: דער עלטסטער פון די כהנים, וואס איז דער שליסעל צו דעם טיטעל חשמונאי.

אין תנ״ך געפינט זיך איינמאל דער טערמין — „יאתיו חשמנים מני מצרים״: קומען זאלן עלטסטע פון מצרים. (תהלים ס״ח, מפרשים) און אין העברעאישן לשון ווערט א קארדינאל — אן עלטסטער פון קריסטליכע פריסטער אנגערופן „חשמן״, לשון רבים „חשמנים״. די מפרשים פון תנ״ך זאגן אז אויך דער טיטעל „חשמונאי״ איז פון דעם שורש „חשמנים״, דאס הייסט: דער טייטש פון חשמונאי איז — „ראש הכהנים״: עלטסטער פון די פריסטער. דעריבער מוז מען אננעמען אז שמעון בן מתתיהו איז געווען דער ערשטער וואס מען האט אים אנגערופן „חשמונאי״, וואס איז אין הסכם מיט דער גירסא אין מסכת סופרים — „ואומרים בהודייה... אשר עשית בימי מתתיהו בן יוחנן כהן גדול וחשמונאי ובניו״, מיט א ואו, צו באטאנען צוויי עפאכעס, דער טייטש דערפון איז — מען זאגט נאך „מודים״ — וואס דו האסט געטוען אין די טעג פון מתתיהו כהן גדול דער זון פון יוחנן און אין די טעג פון שמעון חשמונאי, (דער עלטסטער פון די פריסטער) מיט זיינע זין . . . (מסכת סופרים פ״כ מ״ח.)

## משה בעקערמאן

# ב י א ל ע

(אירע אייגנארטיקע טיפן פון דער פארגאנגענער צייט —
יאנקל בראכיעס דער דרדקא מלמד)

אויסער יאנקל בראכיעס, איז מיר פארבליבן אין זכרון אויך מענדעלע מלמד און איטשע־מאיר דער גמרא מלמד.

איך וויל צוערשט, אין קורצע שטריכן, שילדערן די לעצטע צוויי, ווייל אויף אזא אופן, האף איך, וועט מיר געלינגען בולטער צו שילדערן דעם קעגנזעצלעכן יאנקל בראכיעס.

מענדעלע איז אויך געווען א דרדקא־מלמד. ער האט זיך צוגעפאסט אין אלע הינזיכטן צו זיין פאסטן. ווען ער וואלט נישט געהאט קיין קליין, שווארץ בערדעלע, וואלט ער זיך פיזיאנאמיש אפילו אריינגעפאסט צווישן די משוררים אין דעם כאר פון דער מעזריטשער שול, וועלכע האט זיך קונה־שם געמאכט אין יענער סביבה און וואו אפילו די חזיר־בארשטערס פלעגן קומען הנאה צו האבן פון די צערטלעכע ניגונים.

יא, מענדעלע איז געווען קליינגעוויקסיק, מיט אן אנגענעמער שטימע און א פריילעכן געמיט. ער האט געשאפן א פריינטלעכע אטמאספערע אין הדר און נישט ארויפגעווארפן אויף די קינדער די טראדיציאנעלע פליכטן פון ארויסטראגן די פאמעניצע, וויגן די קינדער און אנדערע שליחותן פאר דער רביצין, נייך, ער האט פלייסיק געלערנט מיט די חדר־יינגלעך און איינגעווארצלט אין זיי דעם ווילן צו לערנען.

צום באהעלפער האט ער זיך באצויגן ווי צו זיינסגלייכן.

און טאמער האט אמאל א באהעלפער אויסגעפעלט „א טאג״, האט ער דעם „טאג״ געגעסן ביי אים. ביים עסן פלעגט ער זיך פארנעמען א טענה מיטן באהעלפער וועגן אלגעמיינע פראגן, ווי צום ביישפיל וועגן שרייבן יידיש,



וועגן יידישע ביכלעך און אויך וועגן אריפמעטיק און אנדערע וועלטלעכע זאכן.

אויב אין די שפעטערדיקע יארן איז אין ביאלע געשאפן געווארן א ליטעראַרישער קרייז און א וועכנטלעכע יידישע צייטונג („פאדליאסער לעבן״) בין איך זיכער, אז זיי שטאמען פון מענדעלעס חדר.

— — — — — — — — — — — — —

איטשע־מאיר דער גמרא־מלמד איז געווען א הויכער, דארער ייד, מיט א לאנגער, ווײמלעכער בארד, מיט צוויי בלויע, גוטמוטיקע אויגן. ער האט זיך קיינמאל נישט באקלאגט פאר קיינעם, זיך קיינמאל נישט געקריגט מיט דער רביצין, נישט געשלאגן די חדר־יינגלעך; און דאך האבן זיינע אויגן ווי פארבארגן אין אים א קוואל פון ליידן. עפעס אזוי ווי אלע גזירות אויף יידן וואלטן אים קיין רו נישט געגעבן.

זיינע באוועגונגען זענען געווען רואיקע, געלאסענע און סיסטעמאטישע. יעדערער, וואס איז געקומען אין קאנטאקט מיט אים, האט געהאט גרויס דרך־ארץ פאר אים. דורך דער קורצער צייט, וואס איך האב געלערנט ביי אים, האב איך, לויט מיין קינדערשער השגה, באגריפן אז נישט נאר דארף מען גמרא לערנען, נאר אויך מענטשלעכע זיטן. איטשע־מאיר איז פאר אונז קינדער געווען א לעבעדיקער מוסטער פון הערלעכקייט, ציכטיקייט און גוטן כאראקטער; און ס׳איז געווען לייכטער פון אים זיך אפצולערנען די גוטע מדות ווי פון דער גמרא . . .

איך האב ליב געהאט צו זעען ווען ער איז צוריקגעקומען פון בית־מדרש פון דאווענען און זיך מכין געווען צו זיין פרישטיק מיט וואס פאר א התמדה ער האט זיך געוואשן צום עסן, וואס איז באשטאנען פון צוויי זעמעלעך, א שטיקעלע פוטער און אביסעלע זאלץ אויף א טעלערל מיט א שארפן מעסער. דאס אלעס איז אוועק געלעגט געווארן אויף א קלאר, ווייס טישטעכל אויפן עק טיש. — ער האט זיך גארנישט געאיילט, נאר לאנגזאם, מיט כוונה, זיך געווישט די הענט. ספעציעלע אויפמערקזאמקייט האט ער געגעבן צו יעדן פינגער באזונדער, וועלכען ער האט נאכאמאל און ווידערמאל באטראכט, אזוי, ווי א כירורג, להבדיל, וואס גרייט זיך צו א דעליקאטער אפעראציע. לאנגזאם האט ער אפגעשניטן א המוציא פון דעם זעמעלע, פונקט ווי מען שניידט א המוציא פון א גרויסער חלה; איינגעטונקען אין זאלץ און זיך לאנגזאם אוועקגעזעצט צו דער סעודה.

ביז ער האט נישט אויסגעטרייסלט די קרישקעס פון דער בארד און די רביצין האט נישט אפגערייניקט דעם עק טיש, האט זיך איטשע־מאיר נישט גענומען צום לערנען מיט די יינגלעך.

— — — — — — — — — — — — —

אין קעגנזאץ צו די צוויי אויבנדערמאנטע מלמדים, איז יאנקל בראכיע געווען דער טיפישער, אויטאקראטישער מלמד, וואס האט אנגעווארפן א שרעק נישט נאר אויף די הילפלאזע חדר־יינגלעך, נאר אויף דער ארימער רביצין,

וואס האט צוגענומען פאר ליב זיין טיראנישע באהאנדלונג און נישט געוואלט, אז די חדר־ייִנגלעך זאלן דערציילן זייערע מאמעס פון איר פינסטער מזל. — ז' האט אים קיינמאל נישט ווידערשפעניקט, כדי נישט ארומצוקריגן זיך אין זייער אנוועזנהייט. זי פלעגט אראפשלינגען זיינע באליידיקונגען און פארבייסן מיט די ליפן.

יאנקל בראָכיעס איז געווען א ברייט־ביינִיקער ייִד, מיט א ברייטער, שווארצער, דיקער בארד; מיט א ברייטן טלית־קטן, וואס האט זיך ארויסגעזעצן פון זיין וועסטל אויף די אקסלען און אראפגעהאנגען מיט פיר גראבע ציצית. אין פארגלייך מיט די בערד פון אנדערע ייִדן אין שטאט — וועלכע זענען געווען געדיכטע און לאנגע, קורץ און שיטער, קאלטענע־וואטע אדער שפיציקע קאזע־בערדלעך — האט ער געהאט א געדיכטע, שווארצע בארד, וואס האט ארומגערינגלט זיין פנים, אזוי, אז ס'האט זיך בלויז ארויסגעזעצן א קליינער טייל פון די קינבאקן, וואס האבן זיך געפונען אין שכנות מיט דער נאז. לויטן פארנעם פון דער בארד, האט זי, דאכט זיך, געדארפט זיין אסך לענגער. זי איז אבער געווען קורצער ווי מען האט געקענט דערווארטן.

באמערקט האב איך דעם אומנאטירלעכן וואוקס פון זיין בארד יעדערס מאל, ווען ער פלעגט איר ווענלן פארנארן אין מויל אריין, ווייל ווי נאר ער האט ביים קנעלן מיט די קינדער גענומען פארקאטשען די בארד און ארויפשלעפן זי צו די ליפן, האט זי זיך ארויסגעגליטשט פון זיין האנט. מען האט נישט געדארפט זיין קיין גרויסער הכם צו פארשטיין, אז ס'וועט אים נישט געלונגען צו מאכן אזעלכע קונצן. ס'קען אפשר זיין, אז ער איז גארנישט אויסן געווען צו צווינגען די בארד צו דערגרייכן דאס אוממעגלעכע. אפשר איז דאס געווען א מעכאנישע באוועגונג, ווי איינער וואס קראצט זיך אין דער פאטילניצע ווען עס בייסט אים נישט אדער צופט דעם שפיץ נאז, וואס איז שוין אזוי אויך, גאט צו דאנקען, גענוג לאנג.

די אורזאך פארוואס די מאמע האט מיר, אין א חול־המועד, אנגעדונגען ביי יאנקל בראָכיעס אין חדר איז געווען וואס ער איז געווען דער ביליקסטער מלמד אין שטאט. און ביי אים אין חדר זענען, נאטירלעך, געווען פיל מער קינדער ווי ביי די אנדערע דרדקא־מלמדים...

איך האב באמערקט, אז דער רבי האט אמום: דער מיטלסטער פינגער פון זיין רעכטער האנט איז געווען האלב־פארבויגן אויף דער דאלעניע. צוערשט האב איך געמיינט, אז דאס האט ער אזא טבע, א מין חנדל צו פארבייגן דעם פינגער; און נישט געקענט פארשטיין פארוואס עפעס שטענדיק דעם זעלבן פינגער? איך האב זיך אבער באלד דערוואוסט, אז דאס איז נישט פאר קיין נחת. ער קען אים פשוט נישט אויסגלייכן. דאס האבן עדות געזאגט די קרבנות, וועמען ער פלעגט פאטשן מיט דער רעכטער האנט... זיי פלעגן בכלל זיין מיט דער מיינונג, אז מען דארף אזא פאטש משנה־שם זיין. א טראסק אדער א כמאל (מיט א ווייכן „ל") פאסט זיך בעסער, ווייל דער קנאכן פון דעם פארבויגענעם פינגער האט פארמירט א מין בערגעלע, וואס האט גענומען



אן אנטיפאטישע שטעלונג אי צו די באקן און אי צו די באק־ציינדעלעך. מיינט איר דאך, אז אפילו אן אלט־מאדישער מלמד, וואס גאט האט אים געבענטשט מיט אזא געווער אין האנט... וואלט זיך שוין צופרידנגעשטעלט. האט איר, במחילה, א טעות. ער האט זיך נאך אנגעלאדן מיט א קאנטשיק אויך. מענדעלע מלמד האט, דעם אמת געזאגט, אויך געהאט א קאנטשיק, אבער דער קאנטשיק איז געווען א שפאגל נייער און פארנומען א בכבודיקן פלאץ אויפן וואנט לעבן דעם צאר און צאריצא, וואס האבן באצירט יידישע הייזער אין יענע יארן. מענדעלע האט, מיין איך, בלויז געוואלט ווייזן די קינדער, אז ער האט א קאנטשיק און דאס איז געווען גענוג. יאנקל בראכיעס קאנטשיק, האט מען געקענט זען, איז נישט געווען קיין צאצקע אויפן וואנט. ביי אים איז דער קאנטשיק שוין געווען, ווי מען זאגט, אן „אדורכגעשמיסענער" אין פולן זינען פון ווארט... ער האט אזוי אפט געארבעט מיט אים, אז דאס גראבע, הילצערנע הענטל איז געווען שווארץ ווי די ערד, אזוי, ווי די לעדערנע פאסיקלעך, וואס זענען אראפגעהאנגען ווי פארשולדיקט און אייך נישט געקענט קוקן גלייך אין פנים אריין...

אויב די אויבנדערמאנטע מלמדים האבן זיך פארנומען אממיינסטן מיט רוחניות לגבי זייערע תלמידים, האט זיך יאנקל בראכיעס פארנומען מיט גשמיות. אויב דאס שפריכווארט: „אז מען שלאגט אין ת... גייט עס אין קאפ אריין" וואלט געווען אמת, וואלט יאנקל בראכיעס געווען דער גרעסטער שעפער פון ביאלער למדנים. איך האב זיי מיט יארן שפעטער ארומגעזוכט מיט ליכט... פון „רבינס הויף" האט ער זיכער קיין תלמידים נישט געהאט.

איך האב ביכלעכווייז גענומען פארלירן דעם דרך־ארץ, וואס איך האב געדארפט האבן פאר אים. מיט זיין פאטשן און שמייסן — נישט מיר, חלילה! — האט ער דערוועקט אין מיר אן אומצוטרוי צו אים און צו זיין ערנסטן פארלאנג ארויפצוברענגען זיינע תלמידים אויפן דרך־הישר. אויב מיין געוויסן וואלט מיר נישט געלאזט אפנארן איטשע־מאיר דעם גמרא־מלמד, האב איך געהאט א הנאה צו קומען אין דער פרי אין חדר און זאגן דעם „שמייסער", אז איך האב שוין געדאוונט אין דער היים און זיך גלייך גענומען צום עסן מיין זעמל אדער ברויט מיט פוטער. ער האט זיך קיינמאל נישט נאכגעפרעגט ביי מיין מוטער...

כאטש איך האב געהאט א גרויסע סימפאטיע צו די געפאטשטע און געשמיסענע קינדער, האב איך פונדעמטוועגן נישט געקענט נאנט באפריינדעט ווערן מיט זיי, אויסער איין ייִנגעלע — יהודה־לייבעלע. ער איז געווען עטוואס קלענער פון מיר, כאטש ער איז געווען אביסל עלטער פאר מיר. א קליין, שטשופלע ייִנגעלע מיט אסך קלייען אויפן פנימל, א דאר, שפיציק נעזל און צוויי ליכטיקע, קלוגע אייגעלעך. מיר זענען צוגעצויגן געווארן איינער צום צווייטן, מיין איך, דורך אונזער געמיינזאמען ווילן צו לערנען און נישט ארומלויפן מיט די איבעריקע קינדער, קלעטערן איבער פארקאנעס, ווארפן שטיינער און ארומוואלגערן זיך אין זאמד. מיר זענען ביידע געווען ביי דער

מיינונג, אז פון אזעלכע שפּילערייען קען קיין גוטס נישט אַרויסקומען. אפשר איז דערביי געווען אַ פּסיכאָלאָגישער מאָטיוו: מיר זענען ביידע געווען די קלענסטע אין חדר און נישט געקענט דערוואַרטן אַרויסצוקומען די העלדן פון אַזעלכע שפּילערייען, וואָס פאַנגען זיך אָן אין אַ שפּאַס און ענדיקן זיך אין צעריסענע מייטקעס אָדער אַ געשוואָלענע, צעבלוטיקטע נעזער.

מיר האָבן זיך אויך געטיילט מיט דער מיינונג, אַז דעם רבינס פילאָ־זאָפיע וועגן אַרויסברענגען גוטע תלמידים איז נישט אויסגעהאַלטן. מיר האָבן אויך פאַרשטאַנען, אַז מיר קענען נישט אָפּשטעלן זיין טיראַנישע טעטיקייט. איז אונז בלויז געבליבן איין מיטל: סאַבאַטאַזש!

איך און יהודה־לייבעלע זענען געווען פון די איינצלנע, וואָס האָבן נישט פאַרזוכט דעם טעם פון זיין כלי־זין. נאָר אַזוי ווי ער האָט דאָך נישט געקענט נעמען די אָרימע פּאָר גילדן בלויז פאַר זיין מלמדות, פלעגט ער אונז אויך דערלויבן צו ברענגען וואַסער פונם ברונעם אַנטקעגנאיבער דעם חדר.

מיר האָבן שוין געוואוסט פון זיין קוק אויף אַ יינגל, וואָס פאַר אַ פּסק ער גייט אַרויסטראָגן. אַ ריכטער, אויף וועמענס קאָפּ ס׳באַווייזט זיך, רחמנא לצלן, די שוואַרצע יאַרמולקע, קען קיין גרעסערן פּחד נישט אָנוואַרפן.

מיר האָבן אויסגענוצט אַט אַזאַ מאָמענט, ווען דעם רבינס קוק האָט אָנגעוואָרפן אַ פינסטערע מרה־שחורה אין חדר און גענומען דעם שטעקן מיטן עמער און זיך געלאָזט צום ברונעם.

מיר זענען צוריקגעקומען צום חדר פּונקט אין צייט, ווען דער „פאַרברע־כער" איז שוין געלעגן אַריבער דעם בענקל מיט, מחילה, אַראָפּגעלאָזטע מייטקעס. טרעפט זיך אַ צופאַל... און אַזויווי יהודה־לייבעלע טרעט אַריבער די שוועל אַזוי גליטשט זיך אַרויס דער שטעקן פון זיין הענטל און דער גאַנצער עמער וואַסער האָט זיך אויסגעכליאָפּעט אויף דער פּאָדלאָגע. איך בין געבליבן שטיין מיטן צווייטן עק שטעקן אין האַנט און מיט אַ פאַרבאָרגענער שמחה האָב איך געשעפּט נחת ווי דאָס וואַסער איז געלאָפן איבערן גאַנצן חדר און געפונען אַ מקום־מנוחה אין רבינס שלאָף־צימער. די סומאַטאָכע, וואָס איז געוואָרן אין חדר, איז נישט נויטיק צו באַשרייבן. ס׳וועט זיין גענוג צו זאָגן, אַז אונזער ערשטער סאַבאָטאַזש־פּלאַן האָט געהאַט דעם דערוואַרטעטן רעזול־טאַט. די שטראָף איז נישט אויסגעפירט געוואָרן.

אַזויווי מיר ביידע האָבן, ווי שוין געזאָגט, געלערנט מיט התמדה, האָט נישט לאַנג גענומען און יאַנקל בראַכיעס „קענטעניש" איז אויסגעשעפּט גע־וואָרן. פיל מאָל האָט אים גענומען אויספעלן אַן ענטפער אויף אונזער אַן אומדערוואַרטעטער פראַגע. דעמאָלס האָט ער זיך, פּלוצלונג, גענומען בייזערן אויף דער אָרימער רביצין הלמאי דער אַנבייסן איז נאָך נישט פאַרטיק אָדער פאַרוואָס זי פאַרשטאָפּט נישט דעם „פּיסק" פון זוינקינד, וואָס „צערייסט זיך אויף שטיקלעך" און אַזוי ווייטער.

איידער מיר האָבן פאַרלאָזט דעם חדר — נאָך דריי זמנים האָבן מיר זיך אויסגעלערנט יאַנקל בראַכיעס גאַנצע תורה — האָבן מיר באַשלאָסן צו



פאַרניכטן דעם שמוציקן קאַנטשיק.

דאָס איז געווען ערב פּסח, ווען דער רבי איז נישט געווען אין חדר און די רביצין האָט זיך געפּאָרעט מיטן „אַריינברענגען" דעם פּסח אין שטוב אַריין. מיר האָבן אָפּגעזוכט דעם קאַנטשיק, אָפּגעשניטן אַלע לעדערנע פּאַסיק־לעך און איבערגעלאָזט בלויז דאָס הענטל — אויף צו... כשרן.

איך בין זיכער, אַז דער חשד איז אויף אונז, שטילינקע יינגעלעך, נישט געפאַלן, ווייל טאַקע דעם זעלבן חול־המועד האָט אונז דער רבי מיטגענומען צו „פאַרהערן" ביי די נייע בעלי־בתים, וועמענס קינדער האָבן, נעבעך, נישט געוואוסט וואָס זיי דערוואַרט אין חדר ביי יאַנקל בראַכיעס.

### יוסף לעפּטוויטש

## אותיות

האַלט די אותיות פעסט,
היט די אַלע פורעמס דאָרט,
ווי עס וויקעלט זיך אַרויס אַ זין,
ווי עס ווערט פון זיי אַ וואָרט.

די אותיות זענען לאָמפּן
וואָס הענגען ביים טויר
דורך וועלכן מיר קומען אַריין,
און דערזען ויהי אור.

זייער ליכטיקייט זינגט
אַ ליד למנצח,
אַ תפילה, אַ געבעט
וואָס דערגייט אין דער הייך.

האַלט די אותיות פעסט.
ווען זיי גייען פון דער תבה אַרויס,
ווערט אַ פראַגע־צייכן
פון יעדן אות,

ווי יונה׳ס פאַרצווייפלונג,
ווי איוב׳ס געדולד,
ווי שאול׳ס משוגעות
נאָך זיין גרויסער שולד.

האַלט דעם אלף פעסט,
וואָס ער בינדט זיך מיט דעם בית,
און דערמאָנט אב, דיין טאַטן,
וואָס איז לאַנג שוין אַ מת.

פאַרבינד דעם אלף מיט דעם נון,
און שטעל דעם יוד דערצו,
און פון די דריי אותיות ווערט
דאָס וואָרט אני, וואָס געשריבן האָסטו

פאַרש דיין אויגן זיין,
וואָרט ביי וואָרט.
זע ווי די אותיות זענען פאַרווישט
אויף דעם פאַרמעט דאָרט,

מיט די טרערן וואָס דיין טאַטע
האָט אויף יעדן בלאַט געלאָזט,
און די טייטשן וואָס ער האָט
אויפן ראַנד פאַרפאַסט.

### ש. טענענבוים

## דו גייסט שפּאַצירן אין דערפרי

דו גייסט שפּאַצירן אין דער פרי ווי אין אַן אומגעהויערן בית־המקדש. די גאַנצע נאַטור איז גאָטס אומענדלעכער טעמפּל. די ביימער זיינען לויכטנ־דיקע גרינע זיילן, הויך ביז צום הימלישן סופיט. און דו אַליין ביסט אַ טיפע תפילה צו גאָט. דיין גאַנץ נפש איז פול מיט יאָמער. עס שטראַלט אַרויס פון דיין געביין גאָטס הייליק און שטראַלנדיק ליכט.

## מיט אן איינציקן בוך . . .

פון אלע מענטשן גיי איך אוועק אין דער גרינער איינזאמקייט. איך טראג א קליין בוך: „די געדאנקען" פון פאסקאל. דו קענסט לעבן דאס גאנצע לעבן בלויז מיט אן איינציקן בוך, וואס איז דיר נאענט צו דיין געמיט!

## ווען מענטשן ווערן עלטער

א טייל מענטשן, ווען זיי ווערן עלטער, קריגן זיי ביטערע, סארדאנישע מאסקעס. זיי ווערן פינסטער אויסגעקרימט פון יסורים . . .

און אטייל מענטשן ווערן עלטער מיט נאביליטעט. מיט אן איידלקייט און א ליכטיקייט ווי פון דעם הימליש־ערשט געפאלאנעם שניי. ווי פון זילבערנעם ליכט, וואס טריפט אין באגינען פון דער פולער און קיילעכדיקער לבנה...

## א. נ. שטענצל

### דריי באלאדעס „והחוט המשולש" . . .*

#### 1. דער ב״ח און דער מגלה־עמיקות

דער קראָקעווער ראש־בית־דין מסיים געווען,
זיין ספר, א יובל־יאָרן אים געשריבן;
פון האָרעווען יום־ולילה בהתמדה,
הויט און ביין פון אים קוים נאָך איבערגעבליבן;
פון קנייטשן דעם אַקסל, פון בייגן דעם רוקן,
זיין קאַפּאָטע ממש אויף צוויטן צעריבן.

אויפגעהויבן דעם קאָפּ אריבערגעגאַנגען,
צום רב, אז ער זאָל אים אַן הסכמה געבן.
דער מגלה־עמיקות קוקט פאַרטיפט אויף אים:
„לאָזט עס מיר איבער, איר ווינט דאָך דאָ דאַנעבן".
האַלט דאָס ספר אין האַנט, ווי ער וואָלט'ס געוויגן:
„איך שפיר, עס צאַפּלט אין מיין האַנט אייער לעבן".

ס'גייט אַדורך אַ וואָך, צוויי, דריי, אַ גאַנצער חודש,
דער מגלה־עמיקות לאָזט גאָרנישט הערן;
ער זעט אים שבת אין שול, טרעפט אים אויף אַ ברית,
אַ וואָרט ר'זאָל זאָגן, ווייסט שוין נישט וואָס צו קלערן:
געפעלט אים נישט זיין ספר? חלילה קינאה?!
ציטערט אויף, אין די אויגן שטייען אים טרערן.

די לעצטע כוחות האָט ער צוזאַמגענומען,
צום מרא־דאתרא אַריבערגעגאַנגען.
ציטערט אינגאַנצן, וויל שרייען, זיך צעוויינען,
ער שטייט — א לעמפערט אונטער אייזערנע שטאַנגען.
דער מגלה־עמיקות קוקט אויף אים פאַרטיפט:
„א גאַסט" — — און הייסט דעם שמש כבוד דערלאַנגען.



„זעצט אייך", זאָגט ער, און שטעלט במתינות זיך אויף:
„איר זעט, די גאַנצע צייט ליגט דאָ אייער ספר,
נישט געעפנט עס אפילו — — גאָט איז מיט אייך!
וואָס בין איך אַקייגן אייך, עפר ואפר — —"
זיינע אויגן ווערן פאַרשאָטנטער טיפער,
זיין הויכער שטערן אָנגעצויגן שטייפער:

„ר' יואל, אין טאָג ווען אייער ספר וועט אַרויס,
וועל איך אייך צו אייער לוויה באַגלייטן — —
איר זעט, כ'וועל'ס אַריינשטעלן אין אַלמער אויבן,
געהערן צו די ראשונים, פון פאַרצייטן — —"
און ר' יואל סירקעס, דער ראש־בית־דין פון קראָקע,
זיך אַ ריס געגעבן — אַ לעמפערט אין קייטן!

דער ציטער, דאָס געשריי, אַ רעווען אין זיין קול:
„קראָקעווער רב, אז וואָס גייט אייך אָן מיין לעבן?
אויף דעם בין איך אַראָפּגעקומען, דאָ ליגט עס!
בלויז געבעטן, מיר אַן הסכמה צו געבן — —"
נישט געקענט מער, און געפאַלן אים צו די פיס:
„קראָקעווער רב, איך בעט אייך מיר צו פאַרגעבן".

דער מגלה־עמיקות די הסכמה געגעבן,
מיט טרערן אין די אויגן זי אויפגעשריבן,
און אַלצדינג איז געשען, ווי ס'האָט געמוזט געשען,
צומאָל קיין האָר דערפון נישט אַוועקגעבליבן.
און ס'איז ר'יואל סירקעס, קראָקעווער ראש־בית־דין,
אין זיין ספר אויף אייביק לעבן געבליבן.

#### 2. דער רבי ר' שמעלקע און דער לעמבערגער רב

ר' יוסף שאול איז טאַקע אַ מתנגד,
אבער מרא־דאתרא פון לעמבערג די שטאָט;
דער רבי ר' שמעלקע אַהין געקומען,
דעם ערשטן באַזוכט, כנהוג, דעם רב ער האָט.

ווען דער שמש אין בית־דין־שטוב אים געפירט,
און ר' יוסף שאול וויל אַקייגן אים גיין,
בלייבט דער רבי ר' שמעלקע אַ טרויעריקער,
מיט אַ געבויגענעם קאָפּ אין דער טיר שטיין.

נישט די ספרים־שענק אַרום די ווענט ער זעט,
נישט דעם רב — אַ ספר אין מיטן געמיש,
באָרד און פאות אַ צעשויבערטן. — ער זעט:
דעם „נועם אלימך" אונטערן טיש.

נישט בחינם איז מען אַ לעמבערגער רב!
כאַפּט ער באַלד, חריפיש גיך, אין וואָס דאָ גייט:
„מיטן לערנען, גענומען וואַקלען דער טיש,
נו, האָב איך עס, אונטער אַ פוס, איר פאַרשטייט“.

„לעמבערגער רב, ווען איר וואָלט דעם מחבר,
אים אַליין, אונטערן פוס אונטערגעלייגט,
ער וואָלט אַזוי געליגן און געשוויגן,
פונקט ווי זיין ספר דאָ, עס ליגט שטיל און שווייגט — —

„אונטער כסא־של־רחמים, כביכול,
ווען חלילה־וחס, אפילו ווערן לויז — — —“
נישט בחינם איז מען לעמבערגער רב!
רץ־כצבי, נישט נאָר מיט זיין פלינקן מח בלויז —

און נאָך איידער ס'האָט דער רבי ר' שמעלקע,
איבער געטרעטן ר' יוסף שאול'ס שוועל,
איז אָנשטאָט דעם „נועם אלימלך“,
דער „ים־התלמוד“ געלעגן אויף זיין שטעל.

„לעמבערגער רב“, האָט דער רבי ר' שמעלקע
שטיל געשמייכלט און זיין פוס אונטערגעשטעלט,
ביידע ספרים אין לאַנגען קוש געבנדיק:
„על שלשה דברים, שטייט דאָך די גאַנצע וועלט“.

## 3. דער פאעט זישע באגיש

מיר ליגן אַוועקגעלייגט אויף די פריטשעס,
פאַרגלייזט די אויגן, אין טויט־שטילן שוויגן,
עס שטיקט אַ ריח־געררוך אונזערע אָטעמס —
אַ טכויער לויפט צווישן די הינער־שטייגן.

עס האָט דער עס־עס־מאַן שוין אָפּגעציילט אונז,
און איך צווישן די וואָס לעבן געבליבן,
כאָטש נעמען און צעזינגען זיך אין אַ ליד,
אַ לויב־געזאַנג — אַ הלל! — אויפגעשריבן.

זישע, עס וועט נאָך באַלד, אַזוי־אָ קומען,
אַז דו וועסט אַ מסור, אַ קאַפּאָ ווערן,
כדי זאָלסט קענען דיינע לידער שרייבן —
דעם ריטם אין האַרץ קלאַפּן, כ'קאָן שוין הערן!

מ'וועט נאָך געבן אַ רידעל דיר אין דער האַנט,
לעבעדיקע עופלעך צו באַגראָבן,
און נישט ווייל איך וויל לעבן, וועל איך עס טון —
לידער צו שרייבער אַ מעגלעכקייט צו האָבן!



„אל תבאיני לידי נסיון“ — — —
ווי אַ קינד צעוויינט ער זיך אויף זיין פריטשע.
ער ווערט שטיל: הינטער אים, אַן אָפּגעציילטער,
צעשרייט זיך מיט אַ מין משוגע־געריטשע.

ניין, נישט געוויין, קיין בן־אדם־קול איז עס —
אַן אָקס פאַר דער שחיטה וואָלט זיך צעשריגן!
אין זישע באַגיש הייבט אָן שטיל צו זינגען,
דער „לא אמות כי אחיה“ הלל־ניגון.

און פּאַמעלעך, אז קיינער זאָל נישט הערן,
איז ער פון זיין פריטשע אַ ראָפּגעגאַנגען — —
אָ, דאס שטילע קלאַפּן דעמלט פון זיין האַרץ —
דער ריטם פון אַלע זיינע געזאַנגען:

„גיי אַרויף אויף מיין פריטשע, דו מוזט לעבן,
איך, מוזלמאַן, היינט, מארגן, טויט כ'וועל ליגן — —
שנעל איידער זיין קומען“ — — און אַ גאַנצע נאַכט,
געזונגען אין אים דער ליל־שמורים־ניגון.

## בין־הזמנים

עס איז שוין נאָכן שניט אויף די ווייטע פעלדער אַרויס נאָך גרויצע, פאַר קאָפּן די קאַרטאָפּל אויף די ברייטע אַקערס וואָס ציען זיך ביז גזשיכעוו. ביי אונז אין טשעלאַדז, אין די געסלעך וואָס ציען צו דער „סאָטורניע“ צו די קוילן־און שטיין־בערג, קיין מילעוויץ און פיאָסקעס איז די לופט אַ שטיקנדיקע, אַ ברוינלעך־צוגעזענגטע, זי הענגט שווער אויף די הויכע רויכנדיקע קאָפּאַלניע־קוימענס, ווי אַ שלייער פאַר די מיד־ברענענדיקע אויגן. די גאַזן גייען נאָך אַלץ פון דער אויפגעריסענער פארגאסענער מינע און די זון, נישט זי וואָלט געשטאַנען אַ זומערדיק צעגליטע, אַ שיינענדיקע אין מיטן הימל — ווי זי וואָלט געלעגן אין הינער־פלעט! אַ פאַרשלאָפענע, אין שלאָף־געטראַנק נאָך אַ שווערע אָפּעראַציע אין גליאיקן פיבער.

עס שטיקט אין האַלדז דער אָטעם די ליפּן ברענען, און די צונג לעכצט כסדר נאָך אַ טרונק. דער מאַרק איז ליידיק, אין די געוועלבער זעט מען קיין קונה נישט. די אַרבעטער, די אַמאָליקע פּאַראָבקעס, זיינען זיך צעלאָפן אין די דערפער, די גוט־שטייענדיקע סוחרים, וועמען די „ביכלעך“ האָבן נישט אָנגע־רירט“ זיינען זיך צעפאָרן אויף דאַטשע, כאַפּן פרישע לופט.

די זאָמקעוויצער סאָסנאָווע וועלדער, די עלקישער און סלאָווקעווער דער־פער ציען מיט זייערע קלאָרע קילע סטאַווקעך, מיט זייערע זשיוויעצע ריחות. דער טאַטע זעט אויס צוגעלייגט, ער לייגט אַלץ איבער, אפנים, וויאַזוי די מאַמע אוועקצושיקן אויף אַ פּאָר וואָכן, און אז זי זאָל מיך אויך מיטנעמען, ווייל מיין נאָז איז נאָך אַלץ נישט „אינגאַנצן“, אָבער עס גייט נישט: מיר זיינען שטאַרק אָנגערירט פון די „ביכלעך“. איינקע פון די געהרגטע זיינען שולדיק

געבליבן פאַר איבער דריי חדשים. יעדע פריטאַ איז איינגעשריבן אין די ביכלעך, אָבער גיי מאָן, קלאָג־איין די געבליבע אלמנות. אַ סך פון די אַנטלאָפענע פאַראַבקעס זיינען אויך שולדיק געבליבן און גיי זוך דעם ווינט.

עס איז שוין סוף־זומער, אין די הויכע חדשים, סוף אב. די יינגע רביצין, וואָס איז שוין ווידער אין די הויכע חדשים און ס׳ציט זי גאַנצע טעג ביים לעפעלע פון האַרץ, — אין שטיקנדיק דושנע נעכט קאָן זי קיין אויג נישט צוטון, פון הינטן אונטערן בית מדרש, די באָד, זלמן בעקערס באַק־אויוון, און באַלד איבער די בריק, איבערן וואַסער די קאָפאַלניע, די קאַלך־אויוונס, — פאָרט זי מיט די פיר קינדערלעך און מיטן פיפטן, וואָס צאַפּלט שוין, אַ לעבעדיקס אונטער איר נאָגנדיק האַרץ, קיין עלקיש, ווו איר מוטער, דאָבעלע די שוחטקע, האָט דאָרטן אין אַ דאָרף געדונגען אַ כאַטע אויף אַ גאַנצן זומער.

יאָ, מרים ביילע, די יינגע רביצין זי קען גוט די פויערישע כאַטע. נאָך מיידל־צייט איז זי דאָרטן אַהין געפאָרן אין זעלבן דאָרף, און אין די יאָרן פון קעסט־עסן איז שלמה אַלע יאָר מיט־געפאָרן, ער איז אַ גאַנץ אַנדערער דאָרטן געוואָרן, אויך זיין לערנען איז עפעס ווי אַנדערש געווען ס׳האָט באַקומען אַ ניגון! זיין אָנגעשטרענגט שטרענג קול האָט זיך ווי עפעס ווי אַריינגעפאַסט אין דעם ווילדן אַרום.

פון איין זייט די טיפע געדיכטער, סודות־פינסטערער וואַלד, פון דער אַנדערער זייט דאָס צעבעטשעטע און דעהירזשעטע דאָרף, דאָס קלאָרע קילע טייכל, צעפלעטשערט ביי אירע פיס און יעקב יוסף ביי איר ברוסט... פון בלויען טיפן הימל טשוויטשערט זיס אַראָפּ אַ נישט געזען פייגעלע און שלמה ביים אָפענעם פענסטער הערט אַ רגע נישט אויף מיטן גמרא ניגון — „עס איז געווען דער שענסטער זומער פון מיין לעבן . . .“ דערציילט זי תמיד.

זייט דעמלט דינגט איר מאַמע די זעלבע כאַטקע, אַ צוזאַמגעשטעלטע פון יינגע געטעסעטע סאָסנעס און באַדעקט מיט אַ פרישן שטרוי־דאַך איבער די קליינע דאָרפישע פענסטערלעך, נישט דערייסטע, ווי שעמעוודיקע אויגן אונטער טיף אַראָפּגעלאָזענע ברעמען. צוערשט פאָרט די מאַמע מיט שרה לאהן און אברהם יצחק קומט־מיט מיט די זאַכן. שרה לאה הענגט אויף די פאָרהענגלעך און אברהם יצחק קלאַפּט אָן די גרויסע מזוזות אויף די ביישטידלעך, און שפעטער קומען אַרויס די שוועגערינס, מיט קינדער, מיט ניאַניעס. פון דער ווייטנס, ווען זיי קומען אָן, זעען זיי שוין די יידישלעכע פאָרהענגלעך — דאָרטן פירט איר מלוכה דאָבעלע די שוחטקע! און מאָטל שוחט מיט אירע ברידער און שוואָגער, די יינגע שוחטים, קומען אַרויס אויף שבת.

דירעקט פונם נייעם שחט־הויז ביי שעלצע, קומען זיי אָן, מיט די חלפים אין די שיידלעך אונטער די אָרעמס, מיט די גרויס רייזע־טאַשן מיט כל־טוב אויף אַ גאַנצע וואָך און מיט דורכגענעצטע זעקלעך פון פעטע קושקעס און בלוטיקע לונג און לעבערס.

אַ גאַנצע וואָך לעבט מען אינדערהיים פון שיהי־פיהי, מ׳בראָט אָפּ אַ שטיק לעבער, מ׳שאַכט אַ הערינג. גאַנצע טעג ווערט געאַרבעט, סאָסנאָווצער שחיטה



איז אַן עבודה. נישט עפעס דאָרט מ׳שאַכט אַ קעלבל, מ׳קוילעט אַ יאַלעווקעלע — גאַנצע צוגן מיט אָקסן פאָרן־אָן אויף דער „ראַמפּע“ פונם נייעם שחט־הויז. די זון און די איידעמס שאַכטן און ר׳מאָטל שוחט און זיין מחותן ר׳ אַלטער בדקענען — אַז עס גייט אַ פאַרע! און אין די נעכט פירט מען חסידישן־שטאָט, ר׳ מאָטל אין טשאָכאַטשאָווער שטיבל, און ר׳ אַלטער — אין ראַדאָמסקער! זיי, די ראשי השוחטים, האָבן זיך אויף ווערמען צו פאַרלאָזן, די זון, אויסגעקאָכטע מיט די קיילער־יינגען, מיט די שינדערס — די חלפים בליצן! דאָס שוויס רינט פון זיי און דאָס שטיקנדיקע בלוט קלעבט אין זייערע כאַלאַטלעך.

דערפאַר, ווען עס קומט דער ליבער שבת איז אַלץ פון זיך אַראָפּגעוואָרפן! אַז מ׳קומט נאָר אָן אין עלקושער וואַלד וואַרט שוין אויף זיי די שבתדיק־שמעקנדיקע, פרישע וועש. ראשית כל־דבר לויפט מען צום טייכל, וואָס שלענגלט זיך אַ גרינלעכ׳ס צווישן די בין־השמשות סאָסנעס. גראָד נאָך צייט אַ באָד אָפּצוגעבן, זיך טובלען לכבוד שבת, און אפילו אַ שווים צו טון, אַ צעפיר צו געבן די אָפּגעאַרבעטע ביינער — שבת נעמט מען זיך אָפּ פאַר אַ גאַנצע וואָך.

האָ, האָ, דאָבעלע די שוחטקע מיט אירע פוכלע, רירעוודיקע קורצע הענטלעך און מיט איר סאַמעט־גלאַטן גוידערל, וואָס גיט אַרויס די באַפעלן און מיט איר שטאַב פון טעכטער און שנירן און אַרום זיי די צעיאַכמערטע שיקסעס, גרייט צו אַ שבת אויף אַלע יידישע קינדער געזאָגט געוואָרן: די שטוב איז פאַרשמעקט פון די פריש־געכאַפּטע און יידישלעך געקאָכטע סטאַוופיש, און פון די אָקאָרשט נאָך אָפּגעבראָטענע לעבערס איינצוהאַקן מאָרגן אין די געשמאַקע שבתדיקע ציבעלעס.

זיי, די אָנגעקומענע, פאַלן טאַקע, אַוועק נאָכן קבלת־שבת, נאָכן „אשת־חיל“, נאָך דער מטעמימדיקע פעטער סעודה, ווי די פליגן, פון דער גאַנצער וואָך שווערער האָרעוואַניע, אָבער דאָס גרעסערע יינגוואַרג, וואַרטנדיק אויף די זיידעס, אויף די טאַטעס, אויף די פעטערס, — און דער עיקר אויפן פעטער אברהם יצחק! — האַלטן וואַך נישט נאָר בלויז דעם שבתדיקן טיש, נאָר דעם גאַנצן איינשלאָפנדיקע וואַלד מיט זייער קלינגענדיקער פרייד און זינגענדיקן זמירות.

און מרים ביילע, די יינגע רביצין, נישט נאָר האָט זי נויטיק פאַר איר אָנגעשטרענגט־צאַרטן גוף, וואָס גרייט זיך שוין ווידער צו האָבן, — אַן אָפּגעמאַטערטע פון אירע ווילדע קינדער, פיר שוין זאָלן לעבן און געזונט זיין — דאָס ביסל פרישע לופט, נאָר נאָך מער האָט זי נויטיק די היימישע משפחה־אַנטמאספערע פאַר איר איינזאַמע נשמה.

זי איז אין טשעלאַדזש נישט געוואָרן קיין רביצין, וואָס פאַרקויפט ליכט און הייוון, און אין די ווייבער־שול אַ זאָגערקע הויך אין די תחינות און אַן אייפמישערקע אין די קרבן־מנחה סידורים צו ווייזן ווו מ׳האַלט. און אַ קרענצל ווייבער גבאיטעס און מצווה־טיערקעס, דרייען זיך נישט אַרום איר מיט פלאָטקעלעך און רכילותלעך. זי איז גאַנצע טעג פאַרטון און אַריינגעטון אין אירע קינדערלעך, אין איר באַהאַלטענער ליבע צו איר מאַן. זי איז יוגנדלעך

צוגעבונדן און קוקט אַרויף צו זיינע פירערכצן און הייכע גענג, אבער דאָך שפּירט זי אז זי פאַרלירט אים אויף גאַנצע טעג, טייל מאָל אויף גאַנצע וואָכן — פילט ווי א ליידיקייט אַרום זיך, אין איר האַרץ! — ער זיצט טאַקע ביים טיש, ער דרייט זיך אַרויף און אַראָפּ אין שטוב, אבער ער איז עפּעס נישטא . . . נישט נאָר ווען ער זיצט אַליין ביי דער גמרא און לערנט הויך מיט זיין אָנגעשטרענגט קול, ווען ער דרייט זיך פאַרמוחט, שטיל אין זיך, אַ פאַרדווקו־תטער ביים פענסטער, נאָר אפילו ווען ער זיצט מיט די קינדערלעך, מיט איר ביים טיש, ביים עסן איז ער אויך טייל מאָל אַוועק, ווייט אַוועק, ווי ער וואָלט דאָ נישט געווען . . . מורא נעמט זי פלוצלינג אַרום! פאַרוועם קאָן זי זיך אויסריידן, פאַר די שוויגער? אז זי, מיט איר גאַנצער מאַמעדיקער האַרציקייט, וואַרפט אַ שרעק אָן אויף איר . . . ווי זי וואָלט נאָך געווען אַ מיידל, דאָס כלה־מיידל אין סאָסנאָווצע און די שוויגער איז זי געקומען „באשאוען“, פילט זי זיך תמיד, ווען די שוויגער רעדט צו איר.

תמיד, ווען זי קומט צו דער שוויגער, איז עס ווי „אפיציעל“, ווי אויף אַן „אויפנאַמע“, לוט די אָנגעטראָפּענע שטימונג, אַ פריילערע אָדער אַ טרויעריקע. אָט דוכט זיך איר, אַ קעניגין זיצט אויף אַ שטול און קוקט אויף איר אַראָפּ, דורך אַ לאָרנעטע און רעדט געציילטע ווערטער, און אָט גאָר ווי זי וואָלט געזעסן חלילה, אויף א שבעה־בענקעלע און קוקט אַרויף צו איר ווי דורך טרערן אין די אויגן . . .

אין ביידע פאַלן האָט זי מורא דאָס מויל צו עפענען און רעדט זי אַרויס אַ וואָרט, דערקענט זי נישט איר קול. ווי קאָן זי זיך אַנדערש פילן, אז איר שלמה, איר גרויסער מאַן, דער דיך פון שטאָט, ער אַליין, ווען ער שטייט פאַר זיין מאַמען שטייט ער ווי ער וואָלט נאָך איר קליין יינגעלע געווען, מיט ציטערדיקן יראת־הכבוד, אז ער פאַרגינט זיך קוים אַ קוק צו טון אויף איר, א וואָרט אַרויסצוריידן. ווי ער וואָלט פאַר איר פּשוט מורא געהאָט . . . מיטן טאַטן איז ער היימיש, חבריש, אין לערנען קריגט ער זיך אפילו מיט אים, בלייבט איינגעקשנט ביי זיינעם . . . און אז זי, די מאַמע, זאָל א וואָרט אַרויסריידן. אַ כּיפּס טון . . . אַ סך, מאָל אז זי זעט אים אַזוי שטיין, פילט זי אפילו א מין אייפערזוכט . . . נייך, עס איז ביי אים, זעט זי — דאָס זעלבע געפיל ווי ביי איר, א נאַנטע־ווייטקייט, אַן אָפּגעבונדענע . . . ווי אַ קינד פון דער מוטערס נאָפּל.

אָט זיצט זי ביי אונז, ביים טיש, אויף שבת־אויבס, אַרום איר די דריי קינדערלעך. שלמה לערנט אין בית־מדרש פרק, דער שווער מיט אברהם נחומען זיצן ביי טישל ביים פענסטער און לערנען, אברהם נחום קוקט מער אויף איר ווי אויף דער גמרא, זיין פריוונדיקער בליק לויפט פון איר צו דער מאַמען. עפּעס ווי ער וואָלט עס פאַרשטאַנען . . . וואָס פאַרשטייט ער? זי מוז אים פרעגן . . . ער איז גאָר נישט אַזאַ נאַר, ווי עס זעט אויס . . . ער איז דאָך איר גאַנצער בעל־יועץ: „שטיין, טיש, וואַנט? דו פאַרשטייסט?“ האָט זי געהערט אַמאָל ווי די שוויגער האָט אין אים אַריינגעשריגן.



זי זיצט קייגנאיבער די שוויגער, מיט די דריי קינדערלעך, דאָס פערטע האַלט די ניאַנקע אויף דער שויס, דאָס פיפטע קלאַפּט שוין ביי איר אונטער האַרץ . . . אָבער זי זיצט ווי — אַ כלה־מיידל ביים „באשאוען“!

די שוויגער קוקט אויף איר מיט אירע גרויסע בלויע אויגן, מיט די פאַרשנירלטע ליפלעך, אָט נעמט זי אַרויס אַ שנירל פערל און טוט איר אָן אויפן האַלדז, ביז צום דערוואַרגן . . . עס שטיקט זי די לופט . . . עס קומט פון אינטערן האַרץ ארויף . . . די שוויגער שעפּט נחת, זי גיסט אָן אַ קעלישקעלע מיט ווישניאַק, ווי בלוי, ווי זיס־פאַרשכורט די אויגן איבערגייך איר.

ער קוקט שוין ווידער אַהער: ווי דעמלט אין מילעוויץ, ווען דאָס קעלישקעלע איז אַראָפּגעפאַלן מיט אַ געבראַזג און מ׳האט געשריגן „מזל־טוב, מזל־טוב“.

כסדר מוז זי קוקן אויף די שוויגער, אויף איר יינג־געטאָקט נעזל, מיט די באַוועגלעכע פליגעלעך, פולע מיט איינפאַלן — —

ווילאַנג איז זי אַוועק פון איר מוטערס הויז? 8־9 חדשים. און ווי ווייט איז סאָסנאָווצע פון טשעלאַדזש, א 3־4 וויאָרשט, און איר דאַכט זיך עס איז שוין אַן אייביקייט . . . אויף יענער זייט וועלט! . . . יאָ, ער איז גאַנץ אין איר געראָטן, איר שלמה, גאַנץ אין זיין מאַמען . . . דאָס נעזל זיינס! . . . אָבער ווי קאָן ער עס האַלט שטיל . . . ווי אַ פייגעלע אין אַ שטייגל . . . איין בליק פון זיינע שוואַרצע אויגן און ס׳איז אין איר אַזוי שטיל . . . ער האָט דעם שווערס אויגן! ווען דער שווער רעדט מיט איר, ווערט זי אַרומגענומען מיט אַזאַ שטילע וואַרעמקייט . . . אים וואָלט זי אויך אַלץ געקענט אויסדערציילן, דאָס האַרץ אויסריידן . . . ער קוקט שוין ווידער אַהער — —

„אברהם נחום, כ׳זע דאָך, דיך ציט מער דער טיש דאָרטן מיט ווישניאַק, ווי דאָ די גמרא“, נעמט דער טאַטע אַרויס ס׳טאַשנטיכל און לייגט אַרויף אַן „עריב“ אויף דער גמרא, זיך אויפשטעלדיק, און די גאַנצע שטוב ווערט אויף איינמאָל אַן, אַנדערע, ווי אַ קינצלער וואָס גיט אַ פאָכע מיטן טאַשן־טיכל און טויבן הייבן אָן אַרומצופליען — אפילו דאָס קינד ביי דער ניאַנקע דערפילט עס!

מיין שוועסטער אסתר, די עלטסטע, איז דעמלט געווען אין טשעסטעכאָוו, ביי די מומע גיטל. זי איז נישט אויסגעקומען מיט דער מאַמען, נישט געליטן אירע גענג. אסתר, איז מער געווען געראָטן אין טאַטנס משפּחה . . . זאָל זי זיך דאָרט „אויסמענטשלען“ ביי דער מומען אין געשעפט, איז דער גאַנצער עול פון געוועלב, פון דער שטוב געלעגן נעבעך אויף צימעלע, די גוטע נשמה, און ווי האָט זי ליב געהאַט שלמה׳ס קינדערלעך. אין ביים באַגלייטן אַהיים האָט זי זיך געיאָגט מיט זיין פון בערג אַראָפּ, צו דער זשיקע און איך בין שטיל געגאַנגען מיט מרים ביילען. און גייענדיק מיט מיר, ווי אַ גרויס־שטאָטישע, מיט אַ גרויסן, האָט זי מיר גענומען דערציילן, ווי שיין עס וועלן דאָרטן זיין די וואָכן אין די עלקישע וועלדער . . . אַ שאָד נאָר וואָס שלמה פאָרט נישט מיט. ער האָט עס זיכער אויך נויטיק . . . און ווי ער קאָן דאָרטן לערנען גאַנצע טעג ביים אָפענעם פענסטער, וואָס גייט אַרויס צום סטאַוו הינטן אויף די לאָנקע,

וואָס פירט צום וואַלד . . . „דיינע אויגן זיינען בלוי ווי דיין מאַמעס, אָבער שלמה האָט איר מוראדיקן בליק, מאַנכעסמאָל“ . . .

זי האָט אָפגעהאַקט ווי אין מיטן, איך קוק אויף איר, איר שוואַרצע גרויסע אויגן זיינען אַזוי גוט און שטייען אין טרערן — —

יאָ, זי איז גערעכט, מרים ביילע, שלמה איז גאַנץ געראָטן אין דער מאַמען, אָבער זייט זיין חתונה האָט ער זיך אַלץ מער און מער געוויקלט אין וואָלענעם שווערן טלית און זיך אַלץ פעסטער געגאַרטלט אין זיין ברייטן גאַרטל, און אפנים זיין יינג שיין ווייבל מיט אירע גרויס־שטאָטישע מאַניערן און שטילע צערטלעכקייט האָט אים אויך גוט געטון און געהאָלפן גאַנץ אין די הענט זיך צו נעמען, מיט אַלע חומרות און מיט אַלע סיגים גיין אויפן דרך המלך: „וארשתיך לי לעולם, וארשתיך באמת, בחסד וברחמים — — —

איך האָב געהאָלפן פאקן און מרים ביילע האָט ווידער אָנגעהויבן דערציילן פון וואַלד און פון פענסטער, וואָס גייט אַרויס צו דער זוניקער ברייטער לאָנקע און צום וואַלד־באַשאָטנטן סטאַוול און ווידער אַרויסגעקומען מיט דעם, וואָס זי האָט איר שלמהן נישט געוואַגט צו זאָגן . . . און דאָס אַרומכאַפן מיך און אויסקושן ביי געזעגענען האָט מסתם אויך געהערט מיין עלטערן ברידער, וואָס איז געשטאַנען דערביי שעמעוודיק, מיט אַראָפגעלאָזטן בליק.

און ווען דאָס פויערישע פורל, — מיט די צוויי אָפגעהאָרעוועטע שקאַפעס, נאָכן אַריינפירן די זשניווע, וואָס דאָבעלע האָט אַהערגעשיקט נאָך די טאָכטער, די רביצן, מיט די קינדער, — האָט אַריר געטון האָט דער יינגער מורה הוראה געשפירט, ווי אַ שטיק פון זיין לייב האָט זיך אים אָפגעריסן. אָט־אָט, פילט ער, שפרינגט ער אַרויס פון די האַלאַבלעס, אָט הענגט ער זיך אָן אויפן דרענגל און פאָרט מיט איבער די זאַמקעוויצער וועלדער איבער די סלאַווקעווער פעלדער, ביז קיין עלקיש. — יאָ, ער דער יינגער מורה הוראה, נישט נאָר איך! — איך וואַלט עס סוף כל סוף מסתם געטון נאָר איך האָב געפילט, אַז איך וואַלט אים אַוועקגעכאַפט וואָס איז דורכאויס זיינס: כ׳האָב געזען דאָס אָפענע פאַרהענגלעך באַהאַנגענע פענסטערל צום סטאַוול אַרויס, און געהערט זיין דעמלטדיקן לויטער־סודותדיקן גמרא ניגון — — —

און תוך כדי דיבור, בשעת ער זאָגט אָן, יעקב יוספן, זיין ראשית אונו, וואָס זעט גאַנץ אויס אַזוי ווי ער, נאָר מיט די פשטותדיקייט פון זיין יינג ווייבל, געראָטן אין זיידן מאָטל שוחט, אַז ער זאָל אכטונג געבן אויף זיין יינג ברידערל, יונהן, און חזרן מיט אים, גיט ער זיך שנעל אַרייב ביים גרויסן קאַפל, — וואָס פאַרדעקט אים גאַנץ זיין שוואַרץ־געדיכטן קאָפ־האָר, אַז ער זאָלן חלילה נישט אָנרירן בשעת ער גיט זיך אַרייב דעם קאָפ, ביי פלינקע איינפאַלן און שווערע באַשלוסן, — און מיט פאַרגלייזטע אויגן, זאָגנדיק דעם באַגלייטונג־פסוק: „יברכך ד׳“ פון ברכת הכוהנים, בלייבט ער שטיין שטיל אַ רגע, ווי בשעתן אין פאַרמוח׳ן זיך, אָבער אַזוי פאַרלוירן . . .



ער הערט נאָך דאָס גערויש פון וועגעלע, דאָס געטומל פון זיינע קינדער, ער זעט נאָך דאָס בחנט־סמוטנע שאָקלען מיט דער האַנט פון זיין ווייב, אָבער נאָך דעם ווי זיין האַנט איז אַראָפ פונם קאַפל מיט די אויסגעריבענע סאַמעטע ראַנדן, מיט אַ וויש איבערן לענגלעך שמאָל פנים, האַלט ער זיך שוין פעסט אָן אין זיין שוואַרצן בערדל, וואָס לאָזט זיך אויס מיט צוויי בלאָנדע שפיצן: כ׳וועל שוין היינט קומען מיט 10 מינוט שפעטער צום שיעור, השם יכפר לי . . .

בלייבנדיק אַליין איז דער יינגערמאַן נישט אַרויס אויף קיין איין האָר פון זיין הנהגה, פאַרקערט, ער האָט זיך געקענט נאָך מער פאַרטיפן אין אַ תוספתל, און די שיעורים, האַלטנדיק גראָד אין מיטן אַ פילפול, פאַרלענגערן מיט נאָך אַ פערטל־אָדער האַלבע שעה. און נאָך האַלבע נאַכט, נאָכן אָפריכטן חצות, געקענט דווקענען עד אין־סוף. אַזוי אַז נישט איינמאָל, ווען יידל טשענטאַכאַווער איז, פאַרטאָגס, אַריינגעקומען פון דער סוכה אַן אויסגעשלאָפענער, אים מאַכן דאָס גלעזל וואַסער מיט מילך, אים געטראָפן אַלץ שטיין מיטן הייסן שטערן אויף דער קאַלטער שויב און געהאַלטן נאָך אין איין מוח׳ן.

אז וואָס נאָך האָט אים, דעם יינגען מורה הוראה, דעמלט געפעלט: דאָס יינגע ווייבל, וואָס איז אויף דער צייט איז אויף פרישע לופט, זי שלאָפט זיך רואיק אויס אין הייסע נעכט, די קינדער שטערן נישט, דאָס וויגל שטייט שטיל, און ער דאָ מיט קאָפ אויף דער שויב, קומט נישט צום נסיון, צו זאָגן „מה נאה אילן זה“, ווי דעמלט אין דאָרף ביים אָפענעם פענסטער, זיצנדיק ביי דער אָפענער גמרא... אַ קלייניקייט, וואָס דער יצר־הרע קען: נאָך דאָ, איצט שטייענדיק מיטן קאָפ אויף דער שויב, זעט ער, פילט ער אַזוי בפירוש יענעם בוים, א תאוהדיק שמעקעדיקן מיט די זשיוויעצע נאָדלען אין דער זון . . .

דערהערנדיק דאָס אויפמאַכן פון דער טיר, האָט זיך זיין קאָפ דערשראָקן אַדריי אויסגעגעבן, און יידל דערזעענדיק די מרה־שחורה און דעם צער אויף דעם שמאָל, נאָך לענגער אויסגעצויגענעם, פנים איז, פון עפעס אַ מין שרעק, שנעל צוריק אָפגעשפרונגען, אַרויסגעגאַנגען און שטיל צוגעמאַכט די טיר.

כדי ער זאָל נישט מבטל זיין מיטן גאַנג, און קומען צו אונז עסן, האָב איך דעם מיטאָג אַרויפגעבראַכט. איך האָב געזען די מאַמע, פאַרלאָזט זיך נישט אויף צימעלע, זי סטאַרעט זיך אַליין ביי אוויוון און איך האָב אויך געזען אַז די מאכלים שמעקן אים, און דער עיקר, דאָס פעטע־זיסע און בטעמטע מערן־צימעסל, און ווי ער סטאַרעט זיך, נישט קיין צו גרויסע הנאה נישט צו האָבן, ווי דער שטערן קנייטשט זיך און האַלב בלייבט ליגן אויף די טעלער . . .

„די מאַמע האָט געזאָגט כ׳זאָל זען, אַז דו זאָלסט אַלץ אויפעסן“, דאָס שליחות געבאָט פון דער מאַמען אַרויפגעלייגט אויף מיר ממש די ווי אַ כבוד־אם געבאָט, האָט געמאַכט, אַז ער זאָל פאַרגעסן אין זיינע פרומאַקישע סיגופים. צי כדי אויסצופירן וואָס די מאַמע וויל, אָדער גאָר פשוט, ווייל דאָס צימעסל איז טאַקע געווען כל־הטעמים, ער האָט ממש אויסגעלעקט דאָס טעלערל ווי אַמאָל אַלץ קינד, אַזוי אַז מיר ביידע האָבן זיך געמוזט יינגליש צולאַכן.

נאָך יענעם בין השמשות־שמועס, פון טאַטן מיט אים אין שטוב ביי אונז,

נאָך מיין קראַנק זיין, האָב איך געקוקט ברידערלעכער אויף אים און ער אויף מיר — ווי אויף אַ דערוואַקסענעם.

אברהם איז אַריינגעקומען מיט דער גרויסער ש״ס־גמרא. שלמה האָט געזען, אַז איך בין נשתנה צורה געוואָרן, כ׳בין געבליבן שטיין מיט אַראָפּגע־לאָזענע אויגן, כאָטש צוצעבעטשן זיך.

„וואָס שטייסט דו ווי אַ, טשעלעדזשער״, ר׳ האָט זיך געמוזט איינהאַלטן מיט אַ שמייכל, נישט אַרויסצוזאָגן דאָס וואָרט „דופּע״: ביזט דאָך שוין באַלד גרעסער פון אברהמען, זעץ דיך צו דו דער גמרא, איר זענט דאָך אַלטע חברים״, ער האָט מיך ברידערלעך אַרומגענומען: „כ׳ווייס דיין תשוקה איז גרעסער ווי דיין ווילן . . . און אפילו ווילן איז אויך נאָך נישט אינגאַנצן, ווי זאָגט דער טאַטע: וילון אינו משמש כלום, און אפילו דיינע כלים וועלן דיר נישט ניצן, אויב דו וועסט טאַקע נישט לערנען, ממש לערנען, נעמען אויף זיך דעם עול תורה . . . נו איך רעד שוין־אויך צופיל און בין מבטל מיט ריידן וועגן לערנען — — „ער האָט־זיך געגעבן אַרייב ביים קאָפּל, יידל האָט אַריינ־געבערענגט די גרויסער ווילנער ש״ס־גמרא פון דער סוכה, וווּ די שענק מיט ספרים זיינען געשטאַנען, און מ׳האָט זיך געזעצט אַרום טיש — מ׳האָט מיך מצרף געווען צום שיעור!

מ׳האָט געלערנט אין שטוב, נישט אין דער סוכה. די רייכע חתנים־בחורים זיינען נאָך געווען אויף דאַטשע און דער „עולם״ וואָלט זיך אָנגעזען קליין אַרום דעם גרויסן טיש, די רביצן איז נישט דאָ געווען, און די שטוב, מיט די פענסטער צום וואַסער אַרויס, איז געווען לופטיקער, ווי די סוכה וואָס גייט אַ רייס צום הויף הויף צו זלמנס פּיעקאַרניע און צו דעם געהייצטער מקווה.

אין די ישיבות איז פאַראַן אַ בין־הזמנים, דעמלט ווערן די ישיבות צוגע־שלאָסן, די ראש־ישיבות צעפאָרן זיך. ביי די שעטלדיקע רבנים וואָס לערנען מיט בחורים און וואָס זיינען מרביץ תורה ברבים יומם ולילה, איז תורה לערנען למעלה מן הזמן, ביי מיין ברודער איז עס געווען טאַקע ווי אין פּסוק שטייט: „בלכתך בדרך בשכבך ובקומך״, אויפגעשטאַנען מיט דער גמרא און זיך געלייגט שלאָפן מיט איר; פאַרנדיק און גייענדיק תמיד דאָס ספר אין האַנט, דאָס אויפגעמישטע תהילימל, דער שטערן תמיד אין קנייטשן . . .

נישט נאָר זיינען זיינע אייגענע שיעורים „מיט זיך אַליין״ לערנענדיק כסדר אָנגעגאַנגען, נאָר אויך די שיעורים מיט די בחורים. און זיינען זיך די פרעמדע צעפאָרן אַרום די יום־טובים זיינען געבליבן די טאָג עסערס און זיינען די רייכערע געווען אויף דאַטשע איז געווען דוד „דער מתמיד״, יידל טשענסטאָכער, דער פאַטשענעווער, אפרים דער מאַלאָזש׳ס, אברהם.

אין אַזאַ בין־הזמנים־צייט איז אויך לייכטער געווען מיך אַ שטופּ אַריינצו־געבן צווישן די בחורים, ס׳איז נישט געווען קיין רייכע חתנים־בחורים, וואָס זאָלן דרייען מיט די נעז: זע נאָר, ער איז דאָך נאָך אפילו נישט קיין בר־מצווה־ייִנגל . . .



און פאַר מיר האָט זיך דעמלט אָנגעהויבן אַן אומענדלעכער בין־הזמנים — מיין ערשטער אפּנים! — וואָס האָט זיך געמוזט ציען אַ 4־5 יאָר, אַ בין־הזמנים, אָן צייט און אָן אָרט, וואָס האָט זיך געצויגן פון טשעלאָדזש איבער סאָסנאָווצע, ביז טשענסטאָכאָוו. אַ תוהו־ובוהו, ווו כוחות האָבן זיך געזאַמלט, א ווילדע באַוועגונג אין מיר און אַרום מיר און מיט אַמאָל אַ שרעקלעכע שטילקייט, אַז אַ שרעק האָט אַרומגעכאַפּט — דרויסן האָט זיך געדרייט אַ מין פערד און דרינען אַ מאַשינעריע: „ציש־ציש־ציש, ציש־ציש־ש״! ווי ביי מאַנגלען אין דער פאַבריק.

אברהם, דערפאַרענער פון מיר מיט אַ 4־5 יאָר, פּראַקטישערער און מיט תורה אַ מער אָנגעלערנטער — האָט זיך ווידער גענומען דרייען אַרום מיר. און ערשט אין סאָנאָווצע — ווען שלמה איז געוואָרן דאָרט מורה הוראה — שלמה מלך, דער עילוי, אַ שניידערס אַ זון פון אַ זאַמקעוויצער דאָרף, ווי צוויי ייִנגע הינט דרייען מיר זיך צווישן די פיס אין שפּילנדיק געוועטלויף. און אין טשענסטאָכאָוו, מיט וועווטשען, האָבן מיר זיך שוין באַשמעקט איינער דעם אַנדערן מיט פאַרשנדיקע בליקן, ווי אָנגעהויבן שוין צו וויסן אין וואָס עס גייט — אַזוי האָט זיך אונז אַל כל פנים שוין געדאַכט . . .

דער טאַטע אָבער האָט געציטערט איבער מיר, ווי אַבלאַט איבער אַ בליט אין פרילינג, אַז א ווינדל זאָל עס נישט אַראָפּבלאָזן, א פויגל זאָל ס׳זוימדל נישט אַרויס־פּיקן, אין זומער עס פאַרשאָטנט, די זון זאָל די ייִנגע פרוכט נישט פאַרברענען, א ווארעם זאָלס נישט אינטערבייסן . . .

צי האָט דער טאַטע טאַקע געוווסט וואָס ער וויל? צי איז עס געווען די מורא פאַר מיין שוואַכלעכן געזונט? אָדער האָט ער שוין אַן אַנדערן תכלית פאַר מיר געזען? . . .

מאַנכעס מאָל פלעגט ער עס מאַכן מיט אַן הלצה־שמייכעלע: „מאַך שוין צו דעם, שאגת־אריה מילא, וועסט דו נישט ווערן גאַרוואָלינער רב״. אַן אָנצו־הערעניש אפּנים, אויף אַ גשיכיווער גבירס איידעם, נישט אַזאַ גרויסער גאון . . . וואָס איז געוואָרן מיט דער הילף פון שווערס ממתקים דאָרטן אַ רב. אַ צווייט מאָל טרעפנדיק מיך פאַרטיפט איבער אַ שווערן, „דרך המלך״, גאַנץ סודותדיק אַזאָג געטון: „נישט אויף דעם האָב איך דיך אַראָפּגעבערענגט . . .״

מיין טאַטנס דרכים האָב איך שוין אינגאַנצן נישט פאַרשטאַנען! מיין ברודער האָב איך שוין אָנגעהויבן צו פאַרשטיין: „לא בשמים היא! אויף תורה מוז מען האָרעווען, אין שווייס מוז מען אָנגיין . . . מען מוז זיך שאָקלען ביז ריסיק אבר . . . אָבער וואָס הייסט „אַראָפּגעבערענגט״? פון ווו? . . . איך בין שוין גרייט געווען מיך איינצושפאַנען אַ „חמור למשא״ צו טראָגן דעם עול תורה, ווי מיין ברודער, צו גיין אפילו דעם שווערן אָקסן־שריט מיט דודן דעם מתמיד . . . אָבער מיט אַמאָל אין מיטן שיעור קלאַפּט צימעלע אָן: „אברהם נחום, דער טאַטע רופט דיך!״

דער טאַטע האָט מיטגענומען צימלען, זי זאָל מיך אַרויסרופן, ווייל ער האָט נישט געוואָלט מאַכן קיין סומאַטאָכע, וואָרום בלויז ביי דעם נאָמען

„טאַטע״ האָט שלמה׳ס קאָפּ זיך אויפגעהויבן פון דער גמרא מיט מצוות כבוד־אב־ציטער. וואָלט ער אליין אַרויפגעגאַנגען: דאָס אופשטעלן זיך, דאָס וועלן מכבד זיין דעם טאַטן און דאָס עניוותדיקע נישט לאָזן זיך . . . און אפשר וואָלט זיך אים אַרויסגעכאַפּט: „ושמרתם את נפשתכם״ איז אויך אַ שטיקל מצווה, מעגסט אויך אַרויסגיין אויף אַ שעה שפּאַצירן. און שלמה׳ס צו־ענטשלאָסענער ענטפער: „טאַטע תלמיד תורה דרבים״, און ס׳וואָלט אַרויסגעקומען, נאָר בלויז עגמת נפש פאַר ביידע.

דער טאַטע האָט זיך אויך געהאַט פאַרגענומען, שלמה נישט קיין דעות צוזאָגן, ער האָט זיך געלאָזן אויף אַ שווערן דרך, זאָל ער אים גיין . . . גאָט זאָל אים נאָר געבן די כוחות, טאַטע פאָטער . . .

מיך, אַ צעשויבערטן פון דער גמרא אַוועק, האָט ער די פאות צערעכט געמאכט, ס׳היטל גלייך מיר אָנגעטון, באַטאפּט מיר דעם היים שטערן און געשאָקלט איבער מיר פאַרטראַכט. „הרבה דרכים למקום, צו גאָט דערגייט מען אַמאָל מיט אַ שמאָלע שטעשקע פון א פעלד . . . זע, ווי אַזאַ זינגענדיק, פייגעלע קוים דערזעענדיק דערפליט צו גאָט . . .״

ס׳איז אַזוינס פאַראַן ווי „דער ערשטער איינדרוק״, „מיטן ערשטן בליק״, „מ׳כאַפּט א זאַך אויף״, „די ערשטע גרונד לאַגע — דער יסוד!״ יענע יאָרן זיינען אַ מין תוהו־ובוהו, מ׳קאָן נאָר שטיקלעך אַרויסכאַפּן, ברעקלעך, קוים אין אַ מאָזאיקישע גאַנצקייט עטלעכע פון זיי צוזאַמצושטעלן.

מיין גאַנץ יידישקייט, וואָס איך האָב אפשר יאָ נאָך עפּעס אין מיר — נישט סיסטעמאַטיש געלערנט, געשעפּט פונם קוואל פון מאָנטנעם לעבן — איז עס פון יענע 4־5 יאָר. וואָס איך געדענק פון מיין בר־מצווה נאָך אין טשעלאַדזש, איז: איך האָב געזאָגט אַן אייגן פשטל, וואָס האט זיך געפּלאָנטערט איבער א שעה. שלמה, וואָס איז געזעסן ביי מיר, האָט איינינקע מאָל געמוזט אַדריי טון מיטן קאָפּ, „מיט באַוואונדערונג״ מסתם, אזוי האָב איך אויפגעכאַפּט דעם דריי פון זיין קאָפּ און דעם גוטן שמייכל דעמלט אין זיין תמיד ערנסטן בליק. דער טאַטע, פאַרקערט, האָט די אויגן דעמלט דווקא פרום פאַרמאַכט, שעפּטשענדיק שטיל עפּעס מיט די ליפּן — ממש ווי די באָבע מיט איר געאַכפּערטקייט . . .

ביי דער עליה אין דערפרי אין „אונזער שטיבל״, האָט ער נישט נאָר געמאַכט איבער מיר זיין „ברוך שפטרנו״ נאָר געמוז מיר ביי דער ברכה מיר אַרויסהעלפן, אז כ׳זאָל נישט, שטעקן בלייבן אין מיטן.

„געב נאָר אַ קוק, דער פשטל־זאָגער קאָן דאָך אפילו נישט מאכן קיין מוציא איבער דער תורה, אז דער טאַטע מוז אים אזש אַרויסהעלפן״. האָט יאַנקל היידע צו מיר אריבערגעשריגן, אויף זיין קאַקעצדיק לשון צום געלעכטער פונם עולם, און דער נאָמען, „פשטעל זאָגער״, איז מיר שוין געבליבן.

אין טשענסטאָכעווער בית מדרש, איז דער נאָמען מיר שוין געגאַנגען פאַראויס, אָבער שוין נישט ווי א צונאָמען — לגנאי, אָדער לשבח, לויט איינעמס צוגאַנג צום לערנען.

עס האָט געקענט הייסן: אַ ווילדער קאָפּ, א חריף, דעם קליביצקער עילוי׳ס



אַלע קשיא׳ס וועט ער מיט איין לשיטתא ענפערן — מיט איין לפי־זה צעדרייט ער אים אינגאַנצן. און עס האָט געקענט מיינען: אַ „פשטעלט־זאָגער, ער פאַרדרייט זיך, ער פאַרדרייט יענעם, אָבער פשוט, א בלאַט גמרא מיט תוספות, מיט מפרשים אַדורכצונעמען דאָס מוז מען קענען; זאָל ער דאָך אַרויפגיין צום שיעור צו וואָלפישן, וואָס מען זען . . . ער וועט דאָרטן זיצן ווי אַ גולם . . .

אָבער דער אָנהייב, דעמלט אין טשעלאַדזש, איז געווען אַזוי: אַרום טיש זיינען מיר געזעסן, דוד דער מתמיד, יידל טשענסטאָכאַווער, אברהם און איך און געלערנט די סוגיא „עשה דוחה לא תעשה״ און געהאַלטן גראָד ביים טיפן תותפות פון „עליה״. אים אַריבערצושווימען אין אַהייסן סוף־זומער־טאָג מוז מען שוויצן. איך בין נישט גרינג נאָכגעגאַנגען די עברי, אָבער דעם שכל דערפון האָב איך שנעל געכאַפּט . . . און ווען ס׳איז געקומען ביים אויסריידן, ביים מפלפל זיין, ביי זאָגן א סברה, בין איך נישט נאָר נאָכגעקומען די אַנדערע נאָר „געלייגט קלאָפּטער פאראויס״ און ערשט ווען שלמה האָט זיך געגעבן א רייבן ביים קאָפּל און אָנגעהויבן צו שיטן מיט „אויפטוען״ פאַרבינדן אַ חידוש מיט אחידוש און פאַרקייטלען אַ פילפול, האָב איך ממש געזען ווי עס פאַרפלעכט זיך, ווי ס׳פאַרהעקלט זיך, ווי שפּיזלעך וואָלטן געבלאַנקט אין דערלופטן! און גענומען מיטדרייען מיטן פינגער: „לפי זה, ממילא קומט דאָך אויס״, אים געהאָלפן ציען דעם פאָדים: „לפי־זה, איז דאָך פאַרענטפערט דעם מהרשא׳ס קשיא״.

שלמה האָט פאַרבליפט געקוקט און געזען, אז איך ווייס וואָס איך רעדט, און דאָס האָט דאָס געמיינט מסתם דער טאַטע דעמלט, ווען ער האָט געזאָגט: „דער יינג האָט כלים . . .״ פון לויטער דערשטוינונג האָט זיך אים אליין דער פאָדים איבערגעריסן און ער האָט נאכגעקוקט דעם אַראָפּגעפאַלענעם רעיון, דעם אָקאָרשט איינגעפאַלענעם אויפטו, ווי אַ קנוילעכל, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן פון טיש, און אַ קעצל האָט עס אויפגעכאַפּט און שפּיל זיך דערמיט.

„אברהם נחום, כאָפּ נישט ס׳איז נישט קיין לאָקשן! דער טאַטע האָט מיר אַמאָל נאָכגעזאָגט פון זיידן: א פילפול איז ווי אַ לאָקשן־קוגל, ווייל אפילו ווען ער איז נישט גוט, אָבער די לאָקשן דערין זיינען דאָך גוט — דערפאַר מוז מען קודם האָבן בקיאות, מען מוז האָבן וואָס אַריינצולייגן, די ראזשינקעס און די מאַנדלען, ראשונים און אחרונים. קודם מוז מען זיין אַ סך אָנגעלערנט, מ׳מוז קאָנען לערנען אַ בלאַט גמרא מיט תוספות אויפן אָרט״.

„דוד״, האָט ער זיך געווענט צו דודן דעם מתמיד וואָס האָט נאָך אַלץ אויף מיר, געקוקט מער מיט די טריפנדיקע נאָז, וואָס נעצט אפילו אין תקופת תמוז, ווי מיט אויגן: נעם אים צו דער גמרא, זאָל ער קודם לערנען גמרא מיט רש״י״.

אזוי בין איך מיט איין קנאַק געוואָרן אויס נאָוואָבראַניעץ! ביי דודן האָב איך טאַקע קנאָפּ וואָס געלערנט, ער האָט אין מיר אַריינגעשריגן מיט זיין קוויטשעדיקן איינטאָניקן קול און איך האָב מיר געטראַכט מיינע אויפטועניש, דערפאַר ביי שיעור, שוין אין סוכה, ביי גרויסן טיש אַרום מיט בחורים האָב

נישט נישט נאָר אויפגעכאַפּט די פעדים פון יעדן פּיפּול. נאָר אַפילו פאַראויסגעכאַפּט, און געשטעלט אַזעלכע קלאָץ־קשאות, וואָס מ'האָט זיך קוים אין אַ הייסן זומער טאָג געריררט פון אָרט, ווי ביי אַ געשפּאַן, ווען אַן אַנלויפנדיק לאָשקל דרייט זיך אַריין מיטן הירזשנדיקן קעפּל אין די ציענדיקע קעפּ איינגעשפּאַנטע אין די שווערע כאָמאָנטן.

תורה איז טאַקע קיין ירושה נישט, מען מוז לערנען, מ'מוז נעמען אויף זיך דעם עול, זיין אַ „חמור למשא" — אָבער מיט דער טערמינאָלאָגיע פון אַ פּאַך, מיט פילאָזאָפישע טערמינען, מיט דעם „זשאַרגאָן" אַפילו פון גנבים־שפּראַך ווערט מען איינגעקויפט צווישן דער חברה. מ'כאַפּט דעם שניט!

ס'איז גענוג בלויז צו קענען די פּאָר גענג פונם שאָך און מיליאָנען גענג דערמיט צומאַכן און אַפילו צו געבן אַמאָל אַ ריכטיקן שפּילער שאַך־מאַט . . .

און „דעם גאַנג" האָב איך שוין אין מיר איינגעזויגן, אים געגעסן מיט די חלות מיט שמאַלץ, זיצנדיק אין איין העמד אין די ווינטערדיקע פרייטיק צענאַכטן, ווען שלמה, פון איין זייט פונם קאַכל־אויוון און לייב הערש פון דער צווייטער זייט האָבן זיך איבערגעוואָרפן אין ש"ס און פּוסקים אין זייערע סברות און פּילפּולים: „מילא, אין פּלוג גענומען, טאָמער קאַפּויער" און תמיד דער אויפשווימענדיקער שאַרפער: „לפי־זה!" — מען מוז נישט נאָר „לערנען, נאָר „זיך ווייקן אין לערנען" . . . קריגן דעם גאַנג, די סיגעס פון דער סיגא!

און איינמאָל, אין אַ רעגן־טאָג אַהיימגעקומען, אַזאַ אויסגעווייקטער, אַ צעשויבערטער שטייט דער טאַטע פאַר דער טאַשעוואַניע, אַן אויפגעלייגטער, ווי אַמאָל אין די אַלטע גוטע צייטן, אַ צערעדט, אַ צעשמייכלטער און אין ליידיקן געוועלב דרייט זיך, אַ קליינס, אַ קיילעקדיקס, דייטש אָנגעטון מיט אַן אויסגעפּרעסענע רויטע מאָרדע, אָבער אַזוי היימיש אויפגעלייגט און מיט משפּחהדיקע פריילעכקייט, אין אַנבליק צום טאַטן, און דערזעענדיק מיך שרייט עס: „פּעטער בעריש איז דאָס נישט דיין טערעק? זעסט כ'וואָלט עס דערקענט אין דער נאָז נאָך האַלבע נאַכט . . . די מומע גוטל אויסן אויג.

איך בין נאָך געווען שטאַרק פאַרטון אין אַ „לפי זה", אַז כ'האָב אַפילו דעם רעגן נישט געפילט און בין געלאָפן אין איין אָטעם, דעם טאַטן דעם אויפטו צו זאָגן און דאָ מיט אַ מאָל אַזאַ ברוך הבא.

דאָס איז געווען שלאַמעק,רעם רייכן פּעטער, יעקב מאיר'ס זון, דעם טאַטנס עלטסטער ברודער, דעם זיידנס, ר' שלמה דיינס עלטערסטער זון, פון ערשטן ווייב, וועלכער איז אַרויס לתרבות־רעה, נאָך מיט יענע 50 יאָר צוריק און איצט איז ער דער דירעקטאָר פון דער באַרימטער פּעטערבורגער פאַרזיכערונג געזעלשאַפט, האָט ער אַהערגעשיקט דעם זון, שלאַמעקן, נאָכקוקן דעם חורבן דעם אויפרייס פון דער מינע וואָס איז געווען אויף דער קאָפּאַלניע „סטורניע", וואָס פאַרלאַנגט יעצט אַזויפיל און אַזויפיל 10 טויזנטער רובל פאַרזיכערונג־געלד, אי פאַר די 39 געהרגעטע אַרבעטער, פאַר די פיר טויטע פערד, און דער עיקר פאַר די צעבראָכענע מאַשינען וואָס דער שאָדן באַטרעפט אין די שווערע טויזנטער.



מיט 25 יאָר צוריק, איז זיין טאַטע, דער פעטער יעקב מאיר דאָ געווען, פאַרזיכערט די קאָפּאַלניע, און פונקט אַזוי אויסגעזען אַזוי ווי ער און פונקט אַזאַ אייגענער, מיטן משפּחה־שמייכעלע זיך געדרייט דאָ אין געוועלב, אָבער דעמלט זיינען געווען גאַנץ אַנדערע צייטן — דער זיידע האַלטעק האָט דעמלט נאָך געלעבט. שפּע האָט געבליצט פון יעדן ווינקעלע.

דעמלט, ווען דער פעטער יעקב מייער אין אַהיימגעקומען האָט ער זיך גאָר נישט גענוג געקענט אָנדערציילן אין וואַסער שמאַלץ־גרוב בעריש איז אַריינגעפאַלן, און זיך גאַרנישט געקענט אָנוווּנדערן פון די שיינקייט פון זיין ייִנג ווייבל.

אויף שלמה'ס חתונה איז דער רייכער פעטער נישט געקומען, אָבער אַ דרשה געשאַנק האָט ער געשיקט מיט דער מומע גיטל. און ווען זי איז אַהיימגעקומען האָט זי זיך גאָר געקענט גענוג אָנדערציילט וואָס פאַר אַ שיינע כלה שלמה האָט געקריגן, ווי אַ בת מלכה האָט זי אויסגעזען אונטער דער חופּה. ער שלמה, דער בטלן האָט דווקא געקריגן אַ גרויס־שטאָטיש מיידל, וואָס האָט געענדיקט 7 קלאַסן גימנאַזיע, זי וואָלט אויך נאָך געענדיקט די 8'ט קלאַס אויך, נאָר דער חתן, האָט נישט געוואָלט אונטערשרייבן די תנאים, נאָר מיט דעם באַדינג אַז די כלה זאָל אַרויס פון דער שקאָלע.

אַצינד, אַז זי איז אַ ייִנגע רביצין אין טשעלאַדזש, און ער, שלאַמעק, מוז זיין עטלעכע טעג אויף דער קאָפּאַלניע סאַטורניע, איז ער אַריינגעפאַלן צום פעטער, טאַקע צו זען אָ די ייִנגע שיינע רביצין; ווי מוז דאָס אויסזען אַזאַ גימנאַזיע מיידל אָנגעטון אין רביצין טשיפּעק מיט זיידענע בענדער: ווי עקזאָטיש מוז דאָס אויסזען! פרייט ער זיך בעלניש אויף דעם וויזיט . . .

אָבער וואָס האָט ער געטראָפן ביים פעטער בעריש אין הויז: די מומע ליגט אין בעט מיט אַ צוגעבונדענעם מיגרענע קאָפּ. אין די שטוב שטייען אַרום שיסלען, וויאַדרעס, ווייל ס'רעגנט אַראָפּ פון באַלקן. אויבן איבערן ערשטן שטאָק, וווּ די שטיבן מיט אַלע זאַכן זיינען געבליבן אַזוי ווי זיי זיינען געווען, ביים זיידנס לעבן, איז איינגעפאַלן דער דאַך און דאָס ווייק־וואַסער פון די אַלע זאַכן פון ערשט שטאָק טראָפּן אַראָפּ אין שווערע שמוציקע טראָפּן.

ווען ער איז אַריינגעקומען האָט ער דעם טאַטן געטראָפן דרייען אַרויף און אַראָפּ אַ פאַרטראַכטן אין לערנען, אין דבוקותדיק רעיון, צי גאָר גלאַט אַזוי אין טרויעריקע מחשבות?

אַ רגע איז ער געבליבן שטיין אַ טרויעריק־דערשראָקן אָבער באַלד געכאַפּט די סיטואַציע און אַ פריילעכער אַרומגעכאַפּט דעם טאַטן: „פעטער בעריש, עס טראָפט באַך דאָ ביי דיר נאָך ערגער ווי דרויסן אין סאַטורניע אין דער מינע . . . ווילסט אויך נעמען סעקוראַציע? . . .

דער טאַטע אים דערזעענדיק, זיין פריילעך הלצהלע הערנדיק, איז אַלץ פון אים אַראָפּ מיט איין שאָקל, זיין גאַנצע פינסטערע שווערקייט, ווי ביי אַ שטאָלצן שוואַן, וואָס קומט אַרויף צו ברעג און מיט איין שאָקל און דאָס גאַנצע וואַסער איז פון אים אַראָפּ.

AUTHOR
Cl. Mark
Date sent:

[illegible]־צו לעבסט אין רחבות״ איז זיין טאָן [illegible] דאָך ווינען קיין טשעסטאָכאָוו, קודנ[illegible] שטעל . . . גוט, גוט, כ׳ווייס שוין . . . אָבער ווו זיינען מיר ? כ׳מיין מיין טאַטע, די מימע גיטל״ . . .

די מאַמע, האָט איר האַלב שלאָף עפּעס דערהערט און נערוועז די אויגן אויפגעריסן און דערזעענדיק שלאַמסקן, האָט זי אין האַלב־שלאָף געמיינט, אז דאָס איז יעקב מאיר . . . דעמלט, מיט 25 יאָר . . . און זיך דערמאָנט, ווו ער האָט דווקא געוואָלט אז זי זאָל מיט אים מיט אַרויספאָרן אויף דער סאַטורניע, „זיך אַ ביסל איבערפאָרן״. און וואָס פאַר אַ שיין פּאָר זיי האָב דעמלט געמאַכט פאַרנדיק אויף דער שטילער גומקע: ער עלעגאַנט אין פראַק אין צילינדער, מיטן שטעקעלע פּראַנטיש צווישן די קני און זי אין לייכטן שפּיצן קלייד, אין די לאַקירטע שיכלעך מיטן אויפגעמאַכטן זיידענעם שירעמל אין די זון — פון אַלע טירן, פון אלע פענסטער האָט מען זיי נאָכגעקוקט.

אָבער הערנדיק דאָס וואָרט, „די מומע גיטל״ האָט זי אַלץ פאַרשטאַנען. און נאָך איידער זיי האָבן פאַרענדיקט זייער שלום־עליכם־שמועס איז זי שוין געווען אַן אָנגעטוענע, אַ פריילעכע, יאָ, אַ יינגע ווי דעמלט מיט 25 יאָר צוריק און ווען זי איז צוגעקומען צו זיי האָט זיך שלאַמעקן דאָס פּנים פאַרשיינט, ווי דעמלט זיין טאַטן, פּויליש־פּאַצעטיש און אָנגעכאַפּט איר שיינע שלאַנקע האַנט צו קושן: „און דאָס איז אונזער שיינע מומע פראַדל געגנענדל״ ?

„פּעטער בערישל״, האָט ער געקוקט אויפן טאַטן, פאַרזעענדיק די אַלע שיסלען, מיט וויאַדרעס, און דעם טראָפּנדיקן באַלטן און געהאַט אַ פול מויל מיט זאַפט.

שליאַמעק איז שוין געבליבן אויף איבער נאַכט, געפילט זיך היימיש אין די פרעמדלעכע משפחה וואַרעמקייט און אויך ערנסטלעך געוואָרן פאַראינטערעסירט מיט דער ווייטערדיקער עקסיסטענץ פון „פּעטער בערישל״. נאָך דער לאַנגער, וואַך־נאַכט״, האָט צימעלע די יום־טובדיק שטוב דרויסן, די פּסחדיקע, צורעכט געמאַכט און מ׳האָט אים אַרויסגעפירט דרויסן שלאָפן. מ׳האָט אים געקענט אַהינפירן שלאָפן צו שלמה׳ן, ווייל ס׳איז דאָך דאָרטן געווען לײדיקע בעטן, אָבער חוץ וואָס דער טאַטע האָט געוווסט, אז „ס׳וועט נישט טויגן״, ווייל שליאַמעק האַלט שוין נישט נאָר נישט אפילו פון נעגל־וואַסער, נאָר אפילו נישט פון ערגערערע זאַכן . . . נאָר שליאַמעק, וואָס האָט געטראָגן דעם זעלבן נאָמען וואָס שלמה, נאָכן זיידן ר׳ שלמה דיין, האָט שוין איינמאָל אין טשענסטאָכאָוו, ווו שלמה האָט אים געטראָפן און אים נישט געקוקט אין פּנים אריין . . . דער „על תסתכל בפני רשע״, איז ביי דעם פרומען אָפּגעהיטענעם יונגער מאַן געווען שטאַרקער ווי דאָס משפחה־געפיל.

שליאַמעק איז געווען דער נאָענטער צו אונז פון אַלע קינדער פונם פּעטער יעקב מאיר, און אפילו פון אים אַליין, פון פּעטער. אפנים דאָס משפחה שמייכעלע איז ביי אים געווען מער ירושהדיק ווי ביי די אַנדער, שוין גאָר דערווייטערטע. דעמלט אין טשענסטאָכאָוו האָט ער נאָך געמאַכט אַן הלצהלע: „שלמה, כ׳בין דאָך נישט קיין יינגן ווייבל, וואָס שעמסט דו דיך צו קוקן מיר אין

אַ פּאַלאַק, פאַר א גוי, מסתם, זפּעס א שליאַכטשיטש, פון אַ נאָנטן פּאַלוואַרק, וואָס האָט דאָ איבער גענאַכטיקט ביים גלח׳ס א לובאָוויניצע, האָט זיך גענומען געשמאַק צו דער אַרבעט מיט אַלע ראַפּענירטע קונצשטיקן פון זיין מלאכה, דערוואַרטנדיק דאָס אמתע פאַרדינסטל, וואָס גאָט האָט אים צוגעשיקט באַלד אין דער פרי, אויפן ניכטערן מאָגן.

אין מיטן ראַזירן, אין זיין פריילעכע אומגעדולט, און ווייל ער וויל הערן עפּעס פונם ראַזירער איבערן זיין „פּעטער בערישל״, פליען אים אַרויס פון מויל אַ פּאָר יידישע ווערטער.

„אַזוי, איר זייט א ייד ?״ בלייבט פרייבערג שטעקן דערשראָקן אין מיטן אַ שניט, און לאָזט אים זיצן מיט אַ האַלב אָפּגעגאָלטע געמבע . . .

עס האָט אים גאָר נישט געהאָלפן, שלאַמעק האָט בחרפּתינו געמוזט מוחל זיין און אָפּווישן דעם זייף פון דער צווייטער העלפט באַק און די גאַנצע זאַך איפגעפּאַסט מיט זיין משפּחהדיקן הלצהלע־אינסטינקט ווי אַ וויץ:

„איר זייט דאָך טאַקע אַלע דא אַ חברה טערקן, ווי איך בין א ייד . . .״

דער טאַטע אים דערזעענדיק אַזוי אַריינקומען מיט זיין פּנים, האָט אַלץ באַלד געכאַפּט און זיך באַהערשט נישט אַרויסצופּלאַצן מיט אַן אמתדיק געלעכטער, ער האָט אים שוין געזען אַרומגעבינדן מיט א האַלבע באַק, ווי מיך דעמלט מיט דער איינער פיאה.

„אברהם נחום, גיי דאָך מיט אים אַריבער איך דער ראָזאָרע . . . האָב נישט קיין מורא וועסט נישט עובר זיין אויף לפני־עויר . . . ביי אזא גאָלע מאָרדע איז נישטאָ „כדי השחתה״, . . . „קוק דאָך נאָך אין נודע ביהודה״, חלק אורך חיים, דאכט זיך, שאלה צ״ג . . . וועסט דו ערשט זען וואָס אַ ליטוואַק קען . . .״

די מאַמע זעט שוין, אז דאָ פאַלט מען שוין אַריין אין אונזער פּילפּול־„זשאַרגאָן״ וואָס דאָס קאָן שוין זיין אַ מעשה פאַר שעהן, און זי האָט פּשוט מורא געהאַט פאַר אירע וואַרע „אָרמע ריטער״ וואָס שטייען שוין אויפן טיש, אז זיי וועלן נעבעך געפרוירן ווערן, האָט זי אנגענומען שליאַמעקן, ביי דער האַנט, צוגעפירט צום טישן ווי דעמלט, מיט 25 יאר זי האָט יעקב מאיר, צום טיש צוגעפירט, דעמלט, ווען דער זיידע האָט נאָך געלעבט און די שטוב האָט געשווימען אין שפע ממש, ווי אין צעלאָזענע פּוטער, און שליאַמעק האָט דערפילט אַ וואַרעמען קוש אויף זיין ראַזירטע באַק אזוי מומעדיק נאַטירלעך, וואָס האָט אים פאַרגיטיקט אַלע „זיינע צרות״ . . .

און בשעת, דער טאַטע איז נאָך געשטאַנען מיט דער שעפּ אין דער האַנט זיך צום וואשן, מיר דערקלערנדיק, די תשובה פון „נודה ביהודה״, און גלייכצייטיג אָנגעוווּנקען דאָס חסידישע הלצה־מעשהלע „וואָס אַ ליטוואַק קען״, האָט די שטוב צעקלונגען מיט אַ געלעכטער — אז דער איינגעפאַלענער דאָך איבער אונזער חורבה שטוב איז שיעור צעשיט געוואָרן איבער אונזערע קעפּ, — פון דעם שותּפותדיקן געזינטן געלעכטער פון מיין מאמע און פון שליאַמעקן; זי האָט אים, וואַרטנדיק ביים טיש, אויפן טאַטנס מוציא מאַכן, דערווייל דערציילט דאָס געשעעניש, פון מיין אָפּגעשוירענע פיאה . . .

# לאַנדאַנער קולטור ידיעות

דער גרויסער דערפאָלג פון די אַקטיאָרן פון „יידישן מלוכה־טעאַטער אין פוילן" איז געפייערט געוואָרן ביי באַנקעטן, „קאָק־טיילס" און גלעזלעך־ווייַן.

אלחנן וואָגלערס רעפּעראַט אין קאָראָ־האָטל אייַנגעאָרדנט פון שרייבער־פעראיין אין וועלט־קאָנגרעס איז געווען אַ גרויסער דערפאָלג.

„די זשואיש קראָניקל" פייערט איר 120סטן לעבנס יאָר פון איר עקסיסטענץ. פון אונזער זייט ווינטשן מיר איר נאָך אַ 120 יאָר און אַ יידישן קאָלום צו איר העברעאישן וואָס זי האָט שוין.

„די יידישע שטימע" האָט געפייערט איר 11 יאָריקע עקסיסטענץ אין גרענד־פּאַלעי־טעאַטער, מיר ווינטשן איר נאָך אַ סך יאָרן און אין א בעסערן מעמד.

מאיר צעלניקער וואָס איז צוריקגעקומען פון זיין טור אין ישראל האָט געהאַלטן אַ רעפּעראַט ביי די יידיש ליטעראַרישע שבת נאָך מיטאָגס איבער שיינקייטן אין דער יידישער מדינה און איבערן מצב פון העברעאישן און יידישן טעאַטער דאָרט.

יצחק קרעלמאַן, וואָס איז געווען אייניקע וואָכן אין יידישן שפּיטאָל געפינט זיך שוין אין דערהיים און פילט זיך אַ סך בעסער, מיר ווינטשן אים פרישע און באַנייטע כוחות.

בערל ראָזנער און וו. פּאָדאָלסקי זיינען צוריקגעקומען פון נסיעות אין ישראל און חזן ברוך סמוס פאָרט אַהין אויף אַ באַזוך זונטיק דעם 3′טן דעצעמבער, וועט ראָזנער ריידן אין אַרבעטער־רינג איבער זיין ישראל באַזוך.

רעוו. קאָפּל גאָלדבלום, דער אַלטער ציון־פירער און העברעאישער פּעדאַגאָג, דער גרינדער פון דער רעדמאַנדס ראָד תלמוד־תורה, איז נפטר געוואָרן אַ בן תשעים.

אין די יידיש־סעמינאַרעס וואָס גייען אָן יעדן דינסטיק 8 אזייגער אין אָוונט אין קענען באַרנעט סקול, קאָמערשל סטר. א.1. האָבן די פאַרגאַנגענע וואָכן טיילגענומען: מיכאל זילבערבערג, יעקב ריכטיגער, י. ל. קרעדיטאָר, ש. י. האַרענדאָרף, אהרן ראָלין.

רחל מירסקי איז פאַרגאַנגענעם חודש געוואָרן 75. מיר ווינטשן איר נאָר אַ סך גוטע יאָרן אין איר ליטעראַרישע און קולטור־אַרבעט.

ס׳איז געשטעלט געוואָרן דעם חודש די מצבה פון י. טיגער ע.ה.

מרים לעווין, די אלמנה פון שמואל לעווין, אויף איר צוריק־רייזע פון ישראל קיין אַמעריקע האָט געוויילט אייניקע טעג אין לאָנדאָן, אין די אינטערעסן פון דער דערשיינונג פון שמואל לעווינס טרילאָגיע אין יוסף לעפטוויטש איבערזעצונג אין ענגליש.

קומענדיקע וואָך אין דער אפשלוס פונם דריבנאָוו יאָר און אַרבעטער רינג. דעם רעפעראַט וועט האַלטן דר. אהרן שטיינבערג.

פריינט פון יידיש לשון גרייט צו א גרויסע מאָריס ראָזענפעלד פייערונג צום 100 געבוירן יאר פון גרויסן פּאָעט.

דער קאָמפּאָזיטער נחום נאַרד פון ישראל האָט אויפגעטרעטן מיט זיינע שאַפונגען אין קאָנצערט אייַנגעאָרדנט פון די פּוע״צ.

דער יידישער אַרבעטער האָט אייַנגעאָרדנט אין אויסשטעלונג פון די יידיש ביכער וואָס דערשיינען אין פוילן.

שלמה קאָן, אויף זיין צוריק־נסיעה פון ישראל קיין מאָנטריאָל, האָט געוויילט אייניקע טעג אין לאָנדאָן.

• • •

געדענקט די סעמינאַרס יעדן דינסטיק אין קענען באַרנעט סקול.

---

## יידיש ליטעראַרישע שבת-נאָכמיטאָגס

**אין בערנער סטר. 33, בערנאַרד באַראָן סעטלמענט א.1. — 3 אַזייגער**

שבת, דעם 2′טן דעצעמבער — יעקב ריכטיקער און יידל גאָלדבערג.

שבת, דעם 9′טן — חנוכה־מאָטיוון אין דער יידישער טעאַטער.

שבת, דעם 16′טן — סעם לעף — די פּאָליטישע לאַגע.

שבת, 23′סטן — אליהו פּאָלושאַק — מנחמ׳ס דיכטונג.

שבת, דעם 30′טן — 125סטע יאָרצייט פון מענדעלע מוכר ספרים.

TOWER HAMLETS LIBRARIES